№30

פרייז 20 גראשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

[illegible]

Piątek 23 lipca 1937 | ליכט-צינדען 7.22 | פרייטאג פ' זאתחנן ט"ו אב תרצ"ז

צוליב'ן טויט פון אונזער געוועזענעם גבאי און לאנגיעריגען פערוואלטונגס מיטגליד

ראובן פישמאן ז"ל

דריקען מיר אויס דער טרויער פערבליבענער **פאמיליע** אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

בנחמות ציון וירושלים ימצאו נחומים.

די גבאים, קאמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל „אהל יעקב" אלעע 4

צוליב'ן טויט פון אונזער חשוב'ן פריינד

ראובן פישמאן ז"ל

דריקען מיר אויס דער פערבליבענער **פאמיליע** אונזער טיפסטען מיטגעפיהל און צער.

שלמה שפאלטען און פרוי.

Szefowi, p. **Henrykowi Szpaltenowi** z **Małżonką** z powodu zgonu Ich Ojca

b. p. **Rubina Fiszmana**

składa wyrazy szczerego współczucia

Personel Biurowy
Fabr. „Henryków".

נ"ע

ראובן בן המנוח שלמה זלמן ז"ל פישמאן

איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 71 יאהר און איז צו קבורה געקומען מיטוואך, דעם 21 יולי (י"ג מנחם-אב תרצ"ז), וועגען וואס עס זענען מודיע די אין טיפען טרויער פערבליבענע

זוהן, טעכטער, איידעמס, שניר, אייניקלעך און פאמיליע.

Wszystkim, którzy w ciężkich dla nas chwilach, po zgonie naszej ukochanej Żony i Matki

b. p. **Mani** z Dykermanów **Kaczko**

okazali nam tyle serca i współczucia, serdeczne podziękowanie składają

Mąż, córki, synowie, zięciowie, synowa, wnuki i rodzina.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז אין בליהענדען עלטער פון 29 יאהר געשטארבען אונזער הייס-געליבטער

שמואל ב"ר דוד יוסף נ"י שיף

די לויה איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 19 ליפיעץ 1937 י. (י"א מנחם אב תרצ"ז).

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאנק די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה, ספעציעל דאנקען מיר דעם חשוב'ן שכן ה' ש. ניעמיראווסקי פאר זיין אידעלע איבערמענשליכע אנשטרענגונג בעת דער קראנקהייט פון אונזער טייערן נפטר,

די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, עלטערן, שוועסטערן, ברודער און פאמיליע.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די **פאמיליעס שיף און קרוויזע**

צוליעב'ן טויט פון זייער געליבטען זוהן

שמואל שיף ז"ל

אינ'ם פערשטארבענעם האבען מיר פערלוירען אן איבערגעגעבענעם און געוויסענהאפטען מיטארבייטער פון אונזער פירמע.

באנטשיק, וויינבלום, ביימאן.

Koleżance **Marysi**

z powodu przedwczesnego zgonu Męża Jej

b. p. **SAMUELA**

wyrażają głęboki żal i współczucie

Galsterówna, Heniek Epsztajn,
Zelkowicz i Ferens.

Wyrazy szczerego współczucia koleżance **Marysi** oraz Rodzinie z powodu śmierci ukochanego Męża Jej

b. p. **Samuela Szyffa**

składają

Ferlegerówna i Szczupak.

Drogiej naszej przyjaciółce **MARYSI SCHIFFOWEJ**

z powodu przedwczesnego zgonu Jej Męża

b. p. **Samuela Schiffa**

wyrazy szczerego żalu i głębokiego współczucia składają

A. Altmanówna, L. Kozakówna.

Koleżance **Marysi**

z powodu przedwczesnego zgonu

Męża Jej

składa wyrazy współczucia i żalu

Antwerpen (Belgia). **Mieczysław Uffner.**

זונטאג, דעם 25 יולי (י"ז מנחם אב תרצ"ז) 12 א זייגער מיטאג

וועט אויף די קברים פון אונזערע עלטערן

האפל און אסתר קיאה ז"ל

פארקומען די **ענטהילונג פון דער מצבה,** וועגען וואס עס זענען מודיע

די קינדער.

Koleżance **Marysi Szyffowej**

z powodu przedwczesnej śmierci

b. p. **MĘŻA Jej**

wyrazy szczerego współczucia składa

Estka Abramowicz.

אונזער טיפען מיטגעפיהל דער **פאמיליע שיף**

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער זוהן

שמואל נ"ע

פאמיליע שמולעוויטש

צייטונגס-קיאסק אלעע 5.

Z powodu przedwczesnego zgonu

b. p. **Samuela Szyffa**

wyrażamy stroskanej Rodzinie Krauze głęboki żal i współczucie

Dawid Praszkiewicz z Rodziną.

Z powodu przedwczesnej śmierci

b. p. **Samuela Szyffa**

wyrażają najserdeczniejsze współczucie całej rodzinie głęboko wzruszeni

Hermanowie Hercberg.

א הזהרה פון לאָדזער ראבינאט וועגען א היתר מאה רבנים.

(קאָפּיע פון דער העברעאישער איבערזעצונג פון די לאָדזער רבנים צום היגען ראבינאט).

ב"ה לאָדז יום י"ב לחודש אב תרצ"ז

צו די געעהרטע רבנים, פערטרעטער פון טשענסטאכאווער רב ז"ל אין טשענסטאכאוו!

אַזוי ווי ה' דוד בוגייסקי פון ראדאָמסק האט אונז געמאָלדען, אז דער ה' דוד בן צבי הכהן ראדאל, דער מאן פון זיין שוועסטער רחל בת יהודה הכהן בוגייסקי, ערלויבט זיך חתוגה צו האבען מיט א פרעמדע פרוי אין דעם מאָמענט ווען ער איז נאָך פערבינדען מיט זיין ערשטער פרוי — און די אנדערע פרוי וואוינט אין טשענסטאכאוו, און ער זאָגט, דאס ער שטיצט זיך אויף דעם היתר, וואס ער האט בעקומען פון הונדערט רבנים, וועלכעס אין דער שפּיץ פון דעם היתר געפונט זיך א געוויסער יצחק מאיר בראָדער פון לאָדז.

מיר מעלדען, דאס די דאָזיגע פערזאָן איז נישט בערעכטיגט צו אַזעלכעס און מען קען זיך אויף דער פערזאָן נישט שטיצען, ווייל ער איז פעהיג נור צום שלעכטען און קיינפאַלס איז נישט ערלויבט חלילה זיך צו שטיצען אויף דעם היתר, וועלכען די פערזאָן האט געשאפען.

מיר, רבנים, געדענקען נאָך, ווי דער זעלבער מאן דוד בוגייסקי דער בעל-תחבולות האט זיך שוין פאר א געוויסע צייט געוואָנדען צו עטליכע רבנים פון לאָדז וועגען דעם ענין, האבען די רבנים דאן געשריבען צום ראדאָמסקער רב שליט"א, דאָרט וואו די פרוי געפונט זיך ביי איהר מוטער, דאס די פרוי זאָל גיין צו א דין תורה און דעם ענין ערלעדיגען ביים ראַדאָמסקער רב שליט"א. און דאן איז געגאנגען דער הזרזיר אצל עורב. און דעריבער ליגט אָ הייליגע פליכט אויף אייך טשענסטאכאווער רבנים צו שטעהן אויף דער וואך צו שטערען די חתונה מיט דער צווייטער פרוי פון טשענסטאכאוו, ביז דער מאַן וועט אָם ערשטענס שטעהן צו א דין תורה ביים ראדאָמסקער רב שליט"א, און דערפּיט אויסצומיידען, דאס די יודישע טעכטער זאָלען נישט זיין ח"ו הפקר און נישט דערלאָזען, דאס ער זאָל אויסנוצען זיין תחבולות.

עס פאָלגען אונטערשריפטען פון די לאָדזער רבנים.

ווילונער „עכאָ“ צושמירט זיך מיט א מעשה פון א נקמה-דורשטיגען יוד, וואס האט געשאָסען אויף א קריסט

אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון „עכאָ ווילענסקע“ האט זיך געפינען פאָלגענדע נאָטיץ: דאס רוהיגע האָרף קרושעצעוו, גמינע מיעזשיץ, איז געווארען טיעף געריהרט דורך אַנ'אונערהערטען מחוצפּ'דיגען אנפאַל פון א זשיד, וועלכער האט שיעור נישט דער'הרג'ט מיט א שאָס פון א רעוואָלווער איינעם פון די דאָרטיגע פויערים, א יורש פון דער וואַסער-מיהל, וועלכע געפינט זיך אין שכ"ח פון באַריכאוווסקי. דאס איז דער זשיד אביגדור ליפשיץ, וועלכער וואוינט אין ווילון, רעפאָרמאַצקא 5. דער זשיד האט געברענט שוין פון א צייט מיט שנאה צו דעם דאָרט-וואוינענדען יאן ווייראָך, וועלכען ער האט געדראהט, אז ער וועט איהם דערשיסען. דער נקמה-דורשטיגער יוד האט אבגעפאַסט א גינסטיגען מאָמענט, ווען מייראך איז געווען פערנומען אין דער מיהל, און ער האט צו איהם געשאָסען פון זיין דאָך-שטיבעל, וועלכעס געפינט זיך נעבען דער מיהל. א דאַנק דעם וואס דער זשיד איז קורצזיכטיג האבען די אבגעגעבענע שאָסען פערפעהלט דעם ציעל און ווייראך איז ניצול געווארען פון א זיכערן טויט. דער אטענטאטער איז ענטלאָפען און דער בעפאָלענער האט וועגען דעם געמאָלדען אויפ'ן פאָליציי פאָסטערונעק אין מיעדזשיצע.

ווי מיר ווערען געוואויר איז די גאנצע מעשה מיט די כלומרשט אָבגעגעבענע שאָסען, וועגען וועלכען דער „עכאָ“ צושמירט זיך אזוי, געפינענדיג א שעת-הכשר צו העצען געגען א „זשיד“, האבענדיג אין זינען אלע „זשידעס“ — איז אַנ'אויסגעטראַכטער בלבול. פערקעהרט דער זעלבער ווייראך איז א שוואָגער פון בארוכאוווסקי, וואס האט ביי דער אלמנה ליפשיץ גאַפּאַכטעט די מיהל. ער האט זיך עפּעס ארומגעטראגען מיט א פוילע פרעטענסיע געגען וויגדאָר ליפשיץ, און נאכדעם ווי ער האט שוין איינמאָל ביי איהם אין דאָרף ציבער געהאט אויסגעהאקט די שויבען, איז ער איהם דינסטאג אווענד בעפאַלען און איהם געגעבען א פעסטען זעץ מיט דער פויסט אין פנים אריין, מאכענדיג איהם טיעפע וואונדען אין נאָז און פנים, ווייזט אויס, אז ווייראך, ווי-סענדיג אז ליפשיץ האט וועגען דעם געמאָלדען דער פאָליציי און עס דראָהט איהם א שטראף, האט אויסגעטראכט א מעשה מיט שיסען, און דער „עכאָ“ האט עס אויפגעכאפּט ווי א ווילדע ציאמה.

אַקצעפּטירט דאָס אויספיהרען דעם פריהערדיגען שטאָדטישען בודזשעט

דער וואָיעוואָדישער אַמט האט מודיע געווען דעם היגען מאַגיסטראַט, אז ער האט גענומען צו קענטניש דעם בעריכט פון אויספיהרען דעם פרעלימינאַר-בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1936—37. דאס איז, ווי בעוואוסט, דער בודזשעט וואס איז נוגע טיילווייז די איצטיגע שטאָדט-פערוואַלטונג.

אָבגעשטעלט די זאַפּאַלטשאַרניע.

די היגע פאבריק פון זאַפּאַלקעס, איז אויף עטליכע וואָכען געווארען אָבגעשטעלט אין צוזאַמענהאנג מיט'ן אדורכפיהרען דעם יעהרליכען רעמאָנט. 190 אַרבייטער, וועלכע זענען בעשעפטיגט אין דער דערמאנטער פאַבריק, וועלען במשך פון דער צייט בעקומען זייערע אורלויבען און פאר דער רעשט צייט וועלען זיי בעקומען בעצאָהלט פון ארבייטס פאָנד.

רעדוקציעס אין דער פאַפּיר-פאַבריק אין מישקאָוו.

די גרעסטע פוילישע פאַפּיר-פאַבריק אין מישקאָוו האט אָבגעזאגט די אַרבייטער פון א טייל אַבטיילונגען, וואס ס'האט ארויסגערופען א בעאונרוהיגונג צווישען דער דאָרטיגער בעפעלקערונג.

ס'זענען אבער פערהאן השערות, אַז די פאַבריק וועט נישט אבשטעלען די דאָזיגע אַבטיילונגען, נור וועט אַבזאָגען די דאזיגע ארבייטער, וואס בעזיצען אנדערע אויסהאלטונגס מיטלען.

אונזער פריינד **אברהם עהרליך**

צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין ברודער

שמשון

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

אפמאן און פרידמאן.

אונזער חבר און פריינד **משה האלבאָרן**

צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער

חנינא נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען ביילייד.

לייבל, הירשל, מאַניא, לאָטקא, קאראָלא און דאָרקאָ.

אונזער ברודערן-טאָכטער **מאַניא** און **פאמיליע** אין זייער גרויס אומגליק צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון איהר ליעבען מאַן

שמואל שיף נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

יוסף קרויזע און פרוי.

צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער ליבען שכן

שמואל שיף נ"ע

דריקען מיר אויס דער פערבליבענע פרוי, עלטערן און פאמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

שמואל ניעמיראָווסקי און פאַמיליע

מיר בעטייליגען זיך אינ'ם גרויסען צער פון אונזערע קרובים,

פרוי מאַניאַ און פאַמיליעס קרויזע און שיף

צוליעב'ן טויט פון זייער הייסגעליבטען מאַן און זוהן

נ"ע שמואל שיף

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע זאַמפער.

דעם ה' **דוד יוסף שיף** און **פאמיליע** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטען זוהן

שמואל נ"ע

מיין טיעפסטען מיטגעפיהל

מרדכי מערין.

משתתפים אנו בצערם של **משפחת פישמן** באסונם הגדול בהלקח מהם אביהם, ידידנו

ראובן ז"ל

בנחמות ציון ינוחמו.

דוב בער געווערצמאן ורעיתו.

צוליעב'ן טויט פון אונזער פריינד

ראובן פישמאַן ז"ל

דריקען מיר אויס דער אין טיעפען טרויער פערבליבענער **פאמיליע** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע שעפּטעל.

צוליעב'ן טויט פון אונזער חשוב'ן פריינד

ראובן פישמאַן ז"ל

דריקען מיר אויס דער טרויערענדער **פאַמיליע** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

בנחמות ציון וירושלים ינוחמו.

ב. פאַטשאַן און פרוי.

די פאמיליעס פישמאן, שפאלטען, וויינטרויב, צוליעב'ן טויט פון זייער פאָטער

ראובן פישמאן ז"ל

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל. המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מרדכי בעסערגליק און **פרוי.**

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ“

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אלעראַרט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאַנען.

ספּעציאַליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס

2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט

אלץ צוביליגע פרייזען.

CZĘSTOCHOWSKA

FABRYKA MYDŁA

I. M. DZIUBAS i S-ka

ul. Fabryczna 1—3.

עגזיסטירט העכער 60 יאָהר.

אונזער זייף איז אַלעמען בעוואוסט מיט

איהר גוטער קוואַליטעט.

פּרובירט נאָר איין מאָל —

בענוצט אונזער זייף

און איהר בלייבט אונזער שטענדיגער קונה.

אונזער מארקע איז דאס „פישעל“.

Kancelaria adwokata

G. Hochermana

Al Wolności 81

została przeniesiona

do domu przy ul.

I-a Aleja № 1 (Nowy Rynek 15).

front, II piętro.

Dr. med. Julian Lipiński

powrócił

i ordynuje w chorobach wewnętrznych od 9—11 i od 3—6 po poł.

ul. Panny Marii 24, m. 1.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' **אלחנן עהרליך** צוליעב'ן טויט פון זיין ברודער

שמשון ז"ל

זאָל ער זיין געטרייסט.

מאָריץ הירשבערג און **פרוי.**

דאַנקזאַגונג.

א הארציגען דאַנק זאגען מיר דעם חשוב'ן

ד"ר ד. טאַרבעטשקאָ

פאַר דער אונערמידליכער מעדיציניש**ער** הילף, וואס ער האט געגעבען מיין שוועסטערן-קינד בעת דער שווערער קראנקהייט.

זאָל איהם גאָט געבען הצלחה אין זיין ווייטערדיגער מעדיצינישער פּראַקטיק.

ש. שוואַרץ

Współpracownikowi naszemu

p. A. Ehrlichowi

z powodu śmierci Jego Brata

b. p. Szymsi

wyrazy szczerego żalu i współczucia składa

Personel

Zakł. Przem. S. Rajchman i N. Rozencwajg

Podziękowanie.

Sz. P. **Drowi J. Dobrzyńskiemu** za troskliwą opiekę i lekarską pomoc, udzieloną podczas mej choroby, składam serdeczne podziękowanie i życzę powodzenia w dalszej praktyce.

CH. D. ERLICH.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע לאַשער** און **קושניר** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטער **פרוי** און **טאָכטער**

רבקה'לע נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

לייב ראָטשילד און **פרוי.**

דעם הארציגסטען מיטגעפיהל אונזערע פריינד **ח. קושניר** און **פרוי** צוליב'ן גרויסען פערלוסט פון זייער איינציגע טאָכטער

רעגינאַ לאַשער נ"ע

סאָניע און **שמעון ראָזענטאַל.**

מיר ווילען נישט געהן אין געטא!

פון פסח קאפלאן

מיט אלע אונזערע כחות מוזען מיר, פוילישע יודען, זיך אנטקעגענשטעלען דעם אומגעזעצליכען פרוב פון דער שלעזישער באהן-דירעקציע, איינצופיהרען א געטא פאר יודען אין די וואגאנען. זאל מען עס נישט פערגלייכען מיט די בעזונדערע וואגאנען פאר פרויען און פאר רויכערערס; יענער פונאנדערטייל ווערט געמאכט פאר דער בעקוועמליכקייט פונ'ם עולם, כדי מענער זאלען נישט שטערען די פרויען אין זייער געגליזשע, און דער רויך זאל נישט בעאומרוהיגען די נישט-רויכערערס—קיין ראסיזם טאר אין די וואגאנעס נישט דערלאזט ווערען. אזא מין ווילדע גזרה איז נאך אפילו אין דעם נאצי-לאנד נישט איינגעפיהרט געווארען.

מיר מוזען אמשארפסטען פראטעסטירען ביי דער רעגירונג געגען דער דאזיגער אומגעזעצליכקייט. מיר מוזען אויך אנווייזען אויף די אונאנגענעמליכקייטען און מיספערשטענדענישען, צו וועלכע אזא משונה'דיגער מנהג קען דערפיהרען.

קודם כל איז אויפ'ן פנים ביים פאסאזשיר נישט אנגעשריבען, ווער ס'איז א יוד אדער אנ'אריער, און אין דער געוועהנליכער נערוועזער איילעניש אויף די באהנען קען זעהר אפט פאסירען, מ'זאל א קריסט אננעמען פאר א יודען—און אויך פערקעהרט—קיין פאס איז מען דאך אין פוילען נישט מחויב צו טראגען ביי זיך. נאך ערגער וועט זיין מיט די אויסלענדישע יודישע פאסאזשירען, וועלכע וועלען אוודאי זיך נישט לאזען דערנידריגען און בעליידיגען און ס'קען אפילו צוליב דעם אויסברעכען פאליטישע קאנפליקטען.

זאל מען זיך נישט שטיצען אויפ'ן עהנליכען מנהג לגבי נעגערס אין א טייל אבגעשטאנענע ווייטע שטאטען פון צפון-אפריקא. דארט איז עס אנ'איבערבלייב פון פריהערדיגער ווילדער קנעכשאפט, וואס ווערט שטארק בעקעמפט דורך דער ציוויליזאציע. אין די מערב שטאטען און אין די ריזיגע קיבוצים פון ניו-יארק, שיקאגא, פילאדעלפיא און וואשינגטאן וכדומה איז שוין דערפון קיין זכר נישטא, ס'איז אויסגעראטען געווארען צוזאמען מיט דער לינטשעריי, און אויך פון די פערוואָרפענע שטאטען רוימט מען עס אויס.

און דא זאל עס ערשט אנהויבען איינגעפיהרט ווערען; און פוילען זאל זאל זיין די ערשטע איניציאטארען צי וועט עס צוגעבען פוילען כבוד און פרעסטיזש?

מ'האט אנגעהויבען אין די אוניווערזיטעטען—און איצט זעהען מיר, ווי גערעכט ס'זענען געווען אונזערע זיהן, די יודישע סטודענטען, וואס האבען מיט געוואלדיגער מסירות-נפש געקעמפט געגען דער געטא אין די אודיטאריעס; אונזערע קרבנות ציבור זענען זיי געווען!

אנדערע האבען דאמאלס אנגעוויזען, אז מה-רעש? אט איז דא און דארט אין א מיטעל-שול נאך א סך פריהער, פשוט צוליב בעקוועהמליכקייט אהן שום שנאה, איינגעטיילט א גרופע סיסטעם, יונגלעך בעזונדער און מיידלעך בעזונדער, יודען בעזונדער און קריסטען בעזונדער!

אבער זיי האבען געוואוסט, אונזערע סטודענטען, אז אויב מ'זאל דעם אנטיסעמיטיזם געבען בלויז איין האר, וועט ער נאכשלעפען דעם גאנצען קאפ. מ'האט איהם קיין האר נישט געגעבען, און ער שלעפט פארט דעם קאפ מיט'ן גאנצען ארגאניזם.

די יודען פרעסער ווילען שוין פונאנדערטיילען אויך די סטראגאנעס אויפ'ן מארק און ווידער זאגען זיי: וואס איז עס פאר א בייז? אויך פריהער האבען דאך יודען געוואוינט בעזונדער און געהאט זייערע געשעפטען בעזונדער?

אבער די דאזיגע סעפאראציע איז געווען אומגעצוונגד פאר ביידע צדדים און האט זיכער געשטערט דער עקספאנזיע און דאס פונאנדערבליה פונ'ם פוילישען האנדעל בכלל, אפילו די גרעניצען צווישען לענדער. מיט אלע בעגלייט-נבזעצען דערצו שטערען דער ענטוויקלונג פונ'ם האנדעל בפרט אז ס'טארען נישט זיין קיין גרעניצען און דראהט אבצוימונגען אין לאנד גופא. דער פראגרעס פון דער וועלט האט אומגעווארפען נישט בלויז די געטאס, נאר אויך די צוימען צווישען שיכטען און קלאסען, צווישען דארף און שטאדט: די פרישע אבגרעניצונג און פונאנדערצוימונג וועט בלויז פיהרען צום רעגרעס, צום צוריקגאנג סיי אין האנדעל, סיי אין אנדערע פרטים.

און אויך אין דער ארמעע רעקאמענדירען שוין די אריעריסטען א געטא, בעזונדערע יודישע פארמאציעס, און ווידער ווייזען זיי אן אויפ'ן מוסטער פון בעריעק יאסעלעוויטש, וועלכער האט געשאפען א בעזונדערען יודישען פולק און איז געבליבען בעריהמט אין דער פוילישער געשיכטע—אין יודען שטאלצירען מיט איהם.

אבער בעריעק יאסעלעוויטש איז אויפגעקומען אין דער צייט, ווען די מענשליכע געזעלשאפט האט אקארשט געהאט בעגלייט צו זיין אייביגע רוה דעם פעאדאליזם, ווען די בירגערליכקייט איז נאך בכלל געווען קנאפ ענטוויקעלט אין איהרע פאטריאטישע געפיהלען. רעגולערע ארמעען אינ'ם היינטיגען זינען האבען זיך נאך ערשט אנגעהויבען פארמירען, און קיין יודען זענען נאך אין מיליטער בכלל נישט גענומען געווארען: דאמאלס איז בעריעק יאסעלעוויטשעס שריט געווען א דערגעהנטערונג צו פוילען.

איצט אבער ווילען זיי אונז דערווייטערן פון דער פוילישער ארמעע, שאפען צוויאיגקייט דארט, וואו ס'דארף הערשען אחדות און אייזערנע דיסציפלין.

ס'איז גאר נישטא קיין שיעור און קיין גרעניץ צו די אבסורדען, וואס זיי קענען אויסגעפינען אין זייערע זוכענישען צו דערגידעריגען און דערשטיקען דעם יודען—אויף אונזער זייט איז נישט בלויז דער שכל און דער יושר, נאר אויך דאס געזעץ. מיט אט די אלע מיטלען מוזען מיר פיהרען דעם קאמף אקעגען דער געפלאנטער געטא אויף פל'ערליי געביטען.

וועלט-נעמען

קלאנגען און אבקלאנגען

פון לעא קעניג

די פוילישע אינטעליגענץ האט איצט אנגעהויבען צו זוכען נאציאנאלע חסרונות ביי... יודען. א פנים אז דאס געוויסען מוטשעט זיי דאך אביסעל. און ס'איז שוין אין מענשענס נאטור צו זוכען חסרונות ביים שכן, ווען מען איז מיט'ן אייגענעם געוויסען נישט בשלום: ער וויל זיך בערעכטיגען, ער איז דורכ'ן שכנ'ס חסרונות, „פראוואצירט געווארען הייסט · עס" אליין צו זינדיגען.

זוכען זיי איצט חסרונות ביי יודען און דוקא נאציאנאלע חסרונות. ס'איז דאך אויך אזוי לייכטער אויסצוגעפינען יענעמ'ס חסרונות ווי אייגענע. און אז מען זוכט געפינט מען.

זיי האבען טאקע אצינד אויסגעפינען א גרויסען חסרון ביי יודען: זיי האבען גאר קיין בעדייטענדעס נישט אויפגעטהון פאר דער וועלט קונסט, זיי די יודען, זענען אויף דעם געביט פון די פלאסטישע קונסטען אימפאטענט אדער עפעס עהנליכעס.

נו, זעהט איהר שוין, האט די וועלט. און בעזונדערס די פוילישע וועלט, ביי אונז נאך אנ'עולה: יודען זענען נישט קונסט-פעהיג.

נו, וואס זאלען מיר טהון? איז צוגעקומען נאך א חסרון צו אונזערע אנדערע נאציאנאלע חסרונות.

האבען די אומות העולם ביי אונז נאך אנ'עולה: יודען האבען גאר נישט אויפגעטהון אויף דעם געביט פון פלאסטיק.

און נאך וואס שפארען זיך? ס'איז דאך פארט אמת: אויף דעם געביט פון פלאסטיק—ווי ווילד עס זאל נישט אויסזעהען מענכע היינטיגע יודען—זענען יודען גאר נישט געווען אזעלכע געוואלדיגע בריות.

כאטש אביסעל פריקרע, מוז מען צוגעבען איז עס דאך, ווען אט דעם פארוואורף מאכען אונז דוקא די פאליאקען. מילא, ווען די איטאליענער צי די פראנצויזען, די פלעמער צי אפילו די דייטשען, מאכען אונז דעם פארוואורף, אז יודען האבען זיך גארנישט אויסגעצייכענט אויף דעם געביט פון קונסט, וואלטען מיר איינגאנצען איינגעבויגען די קעפ און געשוויגען: מיר האבען דאך נישט קיין לעאנארדאס, רעמבראנטס, רובענסעס, וועלאסקעז, דיורעס און סעזאנס דער וועלט נישט געגעבען.

ס'איז אפילו נישט קיין געזעץ מן השמים, אז א „נאציאנאלער זשעני" מוז זיך ענטפלעקען אויף אלע ספעציפישע געביטען: נישט אלע שעפערישע פעלקער צייכענען זיך אויס אויף אלע שעפערישע געביטען. אט האט צום ביישפיל דער ענגלישער נאציאנאלער זשעני ארויסגעגעבען גרויסע פאעטען און נישט קיין גרויסע מוזיקער—נו, איז דעריבער? עס שטעהט ערגיץ נישט געשריבען, אז א פאלק—און אפילו נישט אזא משונה'דיג אויסדערוועהלט פאלק ווי יודען—מוז זיין אויסערגעוועהנליך פעהיג אויף אלע געביטען.

נו, זענען יודען נישט קיין געוואלדיגע פלאסטיקער. ס'איז טאקע נישט שעהן, טאקע גאר נישט שעהן, אבער וואס קענען מיר טהון? האט אונזער „נאציאנאלער שר אין הימעל" אונז פערגעסען צו פערזארגען אויך מיט דער פעהיגקייט, פונקט ווי ער האט די יודען פערגעסען צו פערזארגען מיט א נאציאנאלען לאנדשאפט.

נו, ווי געזאגט, קלינגט אט דער פארוואורף אביסעל פריקרע ווען ער קומט פון די פוילישע אינטעליגענטען.

אויף וויפיעל איך קען די אייראפעאישע קונסט גאלעריעס ווייס איך נישט מיט וואס פארא רעכט די פוילישע אינטעליגענטען זאלען מאכען אט דעם פארוואורף אונז יודען.

קיין פוילישע רעמבראנדטס, זאנדזשעלאס, גרעגאס און אנדערע גרויסע און קלענערע מייסטער זעהט מען נישט אין די גרויסע קונסט-מוזעאומ'ס אין דער וועלט.

איך וויל נישט זיין אפאלאגעטיש און איך בין נישט אפאלאגעטיש: איך בין נישט פון די וואס גלויבען, אז א פאלק מוז זיין „גרויס" איבערהויפט און נאך דערצו אויף אלע געביטען; און איך בין ווייט פון די, וואס ווילען דווקא זיך איינרעדען, אז יודען זענען אויך געניאלע פלאסטיקער.

צוליב פערשידענע היסטארישע סבות האט זיך ביי יודען נישט געקענט אויסבילדען א גרויסע נאציאנאלע פלאסטישע קונסט. יעדע פלאסטישע קונסט איז אין א געוויסען זין סטאטיש: דער פלאסטיקער, דער ארכיטעקט, דער סקולפטור, דער מאלער, זענען מעהר און ארגאנישער פערבינדען מיט באדען, מיט לאנדשאפט, ווי דער ווארט-קינסטלער, דער דיכטער צי דער פילאזאף. און דאך האבען יודען אינ'ם לעצטען האלבען יאהרהונדערט עמאנציפאציע, אומגעפעהר, ארויסגעגעבען א בעדייטענדע צאהל פון נישט-אומבעדייטענדע פלאסטיקער אמת, נישט קיין גאר ערשטראנגיגע. נישט אזעלכע גרויסע צוליב וועלכע מיר זאלען קענען רעדען פון א גרויסען יודישען בייטראג צו דער וועלט-קונסט.

אבער מיר דאכט זיך אלץ אז אפילו אזעלכע נעמען ווי אונזערע איזראעלסעס, ליבערמאנס, פיסאראס, מאדיגליאנים, סוטינס, שאגאלס און עפשטיינס קענען די פאליאקען א סך נישט ווייזען.

דערפאר זאג איך, זעהט עס אויס אביסעל פריקרע ווען דוקא די פוילישע אינטעליגענץ מאכט יודען דעם פארוואורף, אז זיי זענען נישט פעהיג אויפ'ן געביט פון פלאסטיק.

דער פוילישער גלות איז דאך געווען אזא קורצער אין פערגלייך מיט דעם לאנגען יודישען גלות, און אפילו זייער, צום גליק, קורצען גלות, האבען זיי געפראוועט אין זייער אייגען לאנד, אויף זייערע נאציאנאלע לאנדשאפטען. האבען זיי דאך אוודאי און אוודאי געמעגט גרעסערע וואונדער אויפטהון אויפ'ן געביט פון פלאסטיק, אויב זיי גלויבען שוין יא, אז א שעפעריש פאלק מוז דווקא זיין שעפעריש אויף אלע געביטען.

נישט מיר זענען צו שטאלץ מיט זיי, נישט מיר זענען געפאלען מיט זיי, גאר דאס יודישע פאלק האט זיין חלק וועלט נעמען.

נעהמט אונזער יאהרהונדערט אליין—קארל מארקס, ד'איזראעלי, בערנסאן, פרויד, איינשטיין...

זוכט די נעמען צווישען אייך און לאזט די יודען צורוה.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער בעל-תשובה...

ויהי, און עס איז געווען איינס אזויגער ביינאכט פון דעם הסטארישען טאג — שבת דעם 19 יוני 1937 י. זענען ארויס פון דער שענק „באר שלאנסקי" אויף קאטעדראלנע גאס עטליכע פערשוין, כדי אהיימצוגעהן אברוהען נאך די עטליכע כוסות, וואס זיי האבען געמאכט. זייער וועג האט געפיהרט אין דער קאטעדראלנע, האבען זיי אויסגעהויבען זייערע אויגען און געזעהען, אז געגענאיבער, אויף קאטעדראלנע 16, איז נאך פערהאנגען איין פענסטער, וועלכעס די משחיתים האבען נאך נישט בעוויזען צו פערניכטען. האט איינער פון זיי גענומען א ציגעל און — טראך טראך; אין דער גאס האט זיך צוטראגען א געפראזגעריי פון שויבען, וועלכע האבען יאמערליך געוויינט אויף זייער פינסטערן גורל.

דאס דאזיגע בראזגעריי האבען דערהערט עטליכע דערנעבען - שטעהענדע פאליציאנטען, וועלכע דער שויבען-האקער האט צוליעב דער פינסטערניש נישט בעמערקט און זיי האבען אויפ'ן געשריי פון אייגענטימער פון די אויסגעהאקטע שויבען, בעריל ווייכמאן, גענומען דעם חברה מאן. לכתחילה האט ער געלייקענט שטיין און ביין, ער האט די שויבען נישט אויסגעהאקט, נאר זיי זענען אליין ארויסגעפאלען, און ער מעג דאנקען גאט, וואס די שויבען האבען א'הם נישט פערוואונדעט. נאכדעם אבער ווי ווייכמאן האט קאטעגאריש ערקלערט, אז אט דער סאקי האט אויסגעהאקט די שויבען און נאך אנגעוויזען די האלבע ציגעל, מיט וועלכער יענער האט געארבייט, האבען די פאליציאנטען פערבעטען די שויבען-האקער זיך אויסצורוהען נאך דער שווערער ארבייט אין קאמיסאריאט. יענער האט נישט מסכים געווען און געפיהרט א שביקעל „דיסקוסיע" מיט דער פאליציי, אבער נאך לאנגע אמפערונגען האט ער זיך דאך געלאזט פערבעטען אין קאמיסאריאט אריין.

יענע וואך קומט אריין צום ה' ווייכמאן א יודעל און רוימט איהם אין אויער א סוד, אז דער שויבען-האקער, וועלכער איז זיינס א שכן, האט איהם ארייגעשיקט און געבעטען ער זאל פועל'ן ביים ה' וו. אז ער זאל איהם דערלויבען אריינצוקומען אין שטוב אריין. נאכדעם ווי ה' וו. האט געגעבען די דערלויבניש, איז אריינגעקומען א קריסט און דערצעהלט פאלגענדעס:

איך הייס דעמקעוויטש, איך וואוין אויף קאטעדראלנע 8 און האנדעל מיט צוקערלעך, נאהנט ביי דער אלטער שוהל, מיין גאנץ לעבען האב איך גוט געלעבט מיט יודען, נאר אין יענער פינסטערער נאכט, ווען כ'בין ארויס פון דער שענק אביסעל שיכור, האט מיך עפעס אנגעכאפט דער שווארץ יאהר און כ'האב גענומען א ציגעל און אויסגעהאקט דיינע שויבען. א, — צואמערט זיך דער קריסט — וואס איך האב שוין פון דאמאלס אן זיך אנגעליטען נישט בלויז פיזיש, נאר אויך מאראליש. מען האט מיך ארעסטירט — דערצעהלט ווייטער דער פערשוין — און אינדערהיים האט מיין ווייב דערוויל געווארט אויף מיר. און אזוי ווי זי האט געוואויר געווארען, אז מען האט מיך ארעסטירט פאר אזא חטא, איז זי פאר צרות קראנק געווארען. איך ווידער, געפונענדיג זיך שוין אין טורמע, האב געזעהן, אז מיין ווייב קומט נישט צו מיר, האב איך זיך ארויפגעשטעלט אויפ'ן טורמע פענסטער ארויסקוקען, צי מיין ווייב שטעהט נישט אינדרויסען. האט מען מיך געכאפט דערביי און מיך בעשטראפט מיט דריי טעג קארצער.

שפעטער ווידער, ווען איך האב שוין געוואויר געווארען, אז מיין ווייב ליגט קראנק, האב איך געוואלט ארויסשיקען א בריוועל צו איהר, האט מען עס געפאקט און מיך ווידער בעשטראפט מיט דריי טעג קארצער, אזוי האב איך זיך ארומגעוואלגערט איבער דריי וואכען אין טורמע און ערשט אויף דער השתדלות פון א גלח, וועלכער האט אינטערוועני̈רט פאר מיר, האט מען מיך ארויסגעלאזט אויף דער פריי, כדי איך זאל קענען בעזוכען מיין קראנק ווייב, וועלכע ליגט אין שפיטאל, לכן, בין איך געקומען צו דיר, פאניע קאכאני, זאגט ווייטער דער קריסט, מיט דער בקשה, דו זאלסט מיר מוחל זיין פאר דער עולה, וואס איך האב דיר געטהון און איך בין גרייט דיר צוריקצוצאהלען פאר דעם שאדען, וואס דו האסט געהאט. איך בין אפילו א מיטגליד פון ז. ז. ז. — האט צוגעגעבען דער קריסט — נאר קיין אנטיסעמיט בין איך נישט.

דער יוד האט תיכף געשיקט נאך א גלעזער, וועלכער האט אבגעשאצט דעם שאדען און באלד אויפ'ן ארט האט דער ה' דעמקעוויטש בעצאהלט פאר די שויבען. צומארגענס האט דער שויבען-האקער נאך געבראכט דעם יודען א גרויסען בוקעט בלומען אלס דאנקבארקייט פאר לאזען זיך איבערבעטען.

מען שמועסט אפילו, אז געשטויסען צו דער דאזיגער חרטה האט דעם קריסט דאס, וואס ער האט אויף זיך א פראצעס פאר שטעלען א ווידערשטאנד דער פאליציי און מיט'ן איבערבעטען דעם יודען איז ער אויסען זיין אייגענע טובה. יעדענפאלס פערצייכנען מיר דעם כאראקטעריסטישען פאקט פון דעם מאדערנעם בעל תשובה...

אט דאס איז אן „איידעלער" אדמיניסטראטאר

איהר קענט דאך מסתמא—ווער קען דען איהם נישט, דעם אדמיניסטראטאר, דעם בייזען גייסט פון די לאקאטארען, דעם געוועזענעם סאציאליסט און „וועלט בעפרייער" מיכאל א. האט אט דער פאסקודניאק אבגעטהון א שטיקעל ארבייט, פאר וואס ער דארף געשטעלט ווערען צום שאנדסלופ, אזוי אז יעדער אנשטענדיגער מענש זאל וויסען זיך צו דערווייטערען פון איהם.

ווי איהר ווייסט, האבען די כוליגאנעס ח"וב געמאכט די אונטערנעהמונג פון ה' איצעק גאלסטער, דאס איינציגע יודישע געוועלב אין דער דריטער אלעע, מיט דער כונה צו פערטריבען איהם פון דארט. דער הילפס-קאמיטעט האט גענומען אין בעטראכט דעם דאזיגען צושטאנד און איהם מיטגעהאלפען, ער זאל זיך קענען צוריקשטעלען אויף די פיס. גאנצע 4 וואכען איז דאס געשעפט, די קאוויארניע, געווען פערמאכט און ענדליך, ווען ה' גאלסטער האט בעשלאסען צו עפענען זיין אונטערנעהמונג, האט ער זיך דערוואוסט, אז דער זעלבער אדמיניסטראטאר האט פערדינגען דאס שכנות'דיגע געוועלב פון דערמאנטען הויז א קריסט אויך אויף אנ'ענליכע אונטערנעהמונג. דער ה' ג. איז פערציטערט געווארען.—היתכן? — האט ער פאר גרויס אויפרעגונג אזש געשטאמעלט—נאך לאנגע מיה און אנשטרענגונגען איז מיר געלונגען צוריק אויפצובויען מיין חרוב-געווארענע עקזיסטענץ, און דא געהט איהר פערדינגען אויף אזא ענליך געשעפט, הייסט עס, דאך אז איהר מאכט אויף מיר דעם צווייטען אבער ענדגילטיגען פאגראם. דעם אדמיניסטראטאר האט דאס אבער געארט, ווי דעם קאטער, ער האט מיט א סארקאסטיש ציניש שמייכעל איהם געענטפערט, אז אויב ס'געפעלט איהם נישט, זאל ער זיך פון דארט אבטראגען.

די אונטערשטע שורה איז געווען,

ליפמאַן קאַפּינסקי

מיט א געפיהל פון שטאָלץ און זיכערקייט!

די רעוויזיאָניסטישע בעוועגונג אין ציוניזם איז די איינציגע קערפּערשאַפט, וועלכע האָט דאָס יודישע פאָלק פּרינציפּיעל צוגעגרייט צום געדאַנק אויף אַספּיראַציעס פון יודישער מלוכה׳שאַפט ד. ה. אַלערשטענס אויף אַן׳אומהענגיגע אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל מיט זעלבסטבעשטימונגס־רעכט.

די רעוויזיאָניסטישע קאָרעספּאָנדענץ ווערט שטענדיג אונטערגעשריבען מיט דער בעגריסונג: „בברכת מלכות ישראל” — דאָס איז אונזער עלעמענטאַרער „אני מאמין”, דער „אלף” און „תיו” פון דעם הערצליאַנישען ציוניזם.

די גרעניצען פון דער יודישער מלוכה דעפינירען מיר קלאָר און דייטליך ביי יעדער געלעגענהייט, דאָס זענען „ארץ ישראל מיט ביידע זייטען פון ירדן”.

אַ צייט לאַנג האָבען פיעל אַקטיווע ציוניסטען פון אַנדערע גרופּירונגען אונז שפּאָטיש אויסגעלאַכט אין אונזער פעסטען גלויבען אין אַ יודישער מלוכה; מיר האָבען אונזערע האָפנונגען דאָך נישט אויפגעגעבען, נישט ווייל דאָס קלינגט שעהן און ראָמאַנטיש, גאָר דערפאַר, ווייל מיר האַלטען, אַז די לעזונג פון דעם אָנגעווייטאָגטען יודען־פּראָבלעם קען נאָר פאָרקומען אויפ׳ן וועג פון דער שאַפונג פון אַ יודישער מלוכה אין איהרע היסטאָרישע גרעניצען; קיין אַנדערער וועג איז נישט פאַראַן.

ווי דאַרף אָבער זיין אונזער שטעלונג אין דעם יעצטיגען מאָמענט? ווי אַזוי דאַרפען מיר רעגולירען אונזערע געפיהלען צו אָט דער דאָזיגער האַלבער סאַטיספאַקציע?

ס׳איז פערשטענדליך, אַז אויפ׳ן צעטיילונגס־פּלאַן קענען מיר נישט מסכים זיין און מוזען זאָגען דעם הילכיגען קאַטעגאָרישען „נ יי ן”!

דאָס בערעכטיגט אָבער נישט, אַז מיר זאָלען אַריינפאַלען אין פערצווייפלונג צום ענגלישען פאָרשלאַג, פערקעהרט, בלויז דער אָנבאָט פון אַ יודישער מלוכה איז פאַר אונזערע שונאים אין די גלות־לענדער אַ מעכטיגע סוגעסטיווע קראַפט, וועלכע האָט זיי יעצט געצוואונגען צו בויגען זייערע קעפּ פאַר אונזער פערשקלאַפונג, און מיר הערען שוין עפּיס גאַנץ נייע טענער אין דער שטענדיגער מעלאָדיע אויף אונזער אַדרעס. עס הויבט זיך אָן אַ פּאָליטישער פלירט. מען וויל אונז די הענד דערלאַנגען, מען דעקלאַרירט זיך פאַר אונזערע „פריינד”. יאָ, אַזוי זענען זיי שוין די סנאָבען, אַז פאַר כבוד פערבויגען זיי זיך טיעף — אָט דאָס איז אונזער מעכטיגע טרייסט.

טראָץ דער גרויסער עולה, וועלכע די ענגלישע רעגירונג וויל אונז טהון, זעהען מיר דאָך אויך פון דער אַנדערער זייט אַ ווילען צו לעזען דאָס שווערע פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָנאַלען יודענטום, נעמליך: אין דער בעגרינדונג, זאָגט די ענגלישע רעגירונג בפירוש: „די בירגער פון יודישען לאַנד וועלען בעקומען דעם זעלבען רעכטליכען סטאַטוס, וואָס די בירגער פון אַנדערע לענדער. די יודען וועלען אויפהערען צו לעבען אַ „מינדערהייטס־לעבען”.

דאָ זעהען מיר, אַז עפּיס צווינגט ענגלאַנד זיך צו פערטראַכטען איבער דעם דאָזיגען שווערען פּראָבלעם און זי וויל געפינען דעם פּאַסיגסטען „מאָדוס וויווענדי”.

פאַר די יעניגע, וועלכע שטעהען אין די פאָדערשטע רייהען אין קאַמף פאַר אַ יודישער מלוכה׳שאַפט און האָבען זיך ענדליך דערוואַרט די דאָזיגע אָנערקענונג, נעמליך, אַז מיר יודען האָבען אויך די זעלבע פעהיגקייטען, וואָס אַנדערע פעלקער אויף אָנצופיהרען מיט אַן׳אייגענעם מלוכה־אַפּאַראַט, איז דאָס אַלענפאַלס די העכסטע בעלוינונג און סאַטיספאַקציע פאַר אונזער אַרבייט.

אויב אָבער מיר שטעלען זיך אין יעצטיגען מאָמענט פעסט און ענטשלאָסען געגען יעדען פּרוב צו צוטיילען „ארץ־ישראל”, דאַן האָט אויך אונזער פּראָטעסט אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג, ווי די פריהערדיגע פּראָטעסטען.

דאַמאָלס האָבען מיר פּראָטעסטירט אַלס די שוואַכע, מיט אַ געפיהל פון מינדערווערטיגקייט, דאַגעגען יעצט פּראָטעסטירען מיר, ווי גלייכע געגען גלייכע, מיט אַ געפיהל פון שטאָלץ און זיכערקייט!

דער פערשטאָרבענער פּרעמיער פון ענגלאַנד — לאָרד דיזראַעלי—ביקאָנספילד האָט געזאָגט: „דאָס יודישע פאָלק וועט טראָץ אַלע שטערונגען ווידער אויפוואַכען, דאָס יודישע פאָלק האָט נאָך זיין לעצט וואָרט נישט געזאָגט און עס האָט נאָך פיעל צו זאָגען”...

צו די דאָזיגע נביאי׳שע טרייסטווערטער קענען מיר נאָר צוגעבען, אַז מיט אויסדויער און געדולד וועלען מיר די שלאַכט געווינען

פון דער פּראָווינץ

(רעפּאָרטאַזש)

אין אַ רייהע שטעדטלעך אַרום טשענסטאָכאָוו האָט די טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג פון „טאָז” איינגעאָרדענט האַלב־קאָלאָניעס פאַר אַן׳ערך 700 יודישע קינדער, זיי בעזאָרגט מיט עסען, לעהרער, פערוויילונגען א. ז. וו. אין יעדען פונקט זענען אויך געשאַפען געוואָרען קאָמיטעטען פון אָרטיגע טוער, וועלכע העלפען מיט און פעראַנטווערטירען זיך, אַז די האַלב־קאָלאָניעס זאָלען ווי געהעריג אַדורכגעפיהרט ווערען.

איך האָב זיך אָבגעשמועסט מיט׳ן לייטער פון די פּראָווינצער האַלב־קאָלאָניעס, ל׳ ברענער, צו מאַכען אַ בעזוך איבער אַלע פונקטען און ברענגען אַ גרוס פון עטליכע הונדערט יודישע קינדערלעך, ווי אַזוי זיי פערברענגען אין דער קאָלאָניע און דער עיקר, ווי אַזוי זיי עסען אָב. דאָס אָבער איז בעשטימט געוואָרען ערשט אויף עטליכע טעג אַרום, ווען די קאָלאָניעס וועלען שוין זיין „וו׳רוכו”. דערוויל אָבער האָבען מיר געמאַכט אַ בעזוך אין צוויי פונקטען, בעת מען האָט אָרגאַניזירט די האַלב־קאָלאָניעס און אָט פון די צוויי ערטער וויל איך דערצעהלען עטליכע קלייניגקייטען.

די צוויי מקומות זענען די לעצטענס „בעריהמט”־געוואָרענע שטעדט: קזשעפּיץ און קלאָבוצק.

געפאָהרען זענען מיר זאַלבע פיערט: ד״ר וויענער אַלס „טאָז” דאָקטאָר, דער פּראָווינץ־לייטער ה׳ ל. ברענער, אַ לעהרערין, וועלכע וועט אָנפיהרען מיט דער האַלב־קאָלאָניע אין קושעפּיץ, און איך הקטן.

קרזשעפּיץ

דער אָרטיגער קאָמיטעט האָט געוואוסט, אַז מיר דאַרפען אָנקומען, האָבען זיי געהאַט צוגעגרייט אַן׳אסיפה און טאַקי אין עטליכע מינוט אַרום זיצען זיי שוין די קאָמיטעט־לייט אין קהלה־שטיבעל און מען בעראַט זיך וועגען דער האַלב־קאָלאָניע — וויפיעל עס דאַרף קאָסטען פלייש, קאַרטאָפעל, מייערן א. ד. גל. די עיקר־פראַגע איז אָבער געוועזען וועגען דעם אָרט, וואו איינצואָרדנען די האַלב־קאָלאָניע. עס זענען געוועזען חלוקי־דעות, ווייל די צוויי פּלעצער, וועלכע קאָנען גענומען ווערען אין בעטראַכט, זענען ביידע נישט זיכער; איין פּלאַץ געפונט זיך אין קוזשניצע און אַריבערפיהרען די קינדער פון קושעפּיץ אַן׳ערך פון איבער אַ האַלבען קילאָמעטער, איז איינגעשטעלט מיט סכנות נפשות, איבערהויפּט, ווען די קושעפּיצער פּאָליציי האָט נישט געקאָנט גאַראַנטירען די רוהע און די זיכערהייט... דער צווייטער פּלאַץ, וואו מען קאָן איינאָרדנען די קאָלאָניע, געפונט זיך שוין אין קושעפּיץ גופא, נאָר ביי אַ קריסט, אין אַ קריסטליכער געגענד, וואו אויף די ווענד אַרום זענען אויפגעשריבען די בעקאַנטע אַנטי־יודישע לאָזונגען און דעריבער איז אויך דאָס אָרט אַ מקום סכנה, קורץ, מען האָט זיך בעראַטען און מען האָט בעשטימט — אַ צווייטע אַסיפה.

איך האָב דערוויל געכאַפּט אַ שמועס מיט די שטעדטלדיגע יודען וועגען דער לאַגע אין קושעפּיץ און עס שטעלט זיך פאַר אַ שוידערליך בילד. די סוחרים דרעהען זיך אַרום ווי אויף אַ בית־הקברות, קיין איין שטאָדטישער קריסט געהט נישט אַריין קויפען צו קיין יודען און אפילו די איינציגע אַקושערקע, וועלכע פערדינט ביי יודען, קויפט איהרע פּראָדוקטען ביי אַ יודישען סוחר אין געהיים און דאָס אויך אויפ׳ן ביכעלע. ווייטער אָבער האָט שוין זינט 2 יאָהר נישט געטראָפען דער פאַל, אַז אַ קושעפּיצער קריסט זאָל אַריינגעהען קויפען צו אַ יודען, איינמאָל אין צוויי וואָכען איז אין קושעפּיץ אַ יריד, טרעפט אַז די פּויערים מאַכען זייערע איינקויפען אין יודישע קראָמען.

גוסס׳עט טאַקי דאָס שטעדטיל איינציגווייז און צאַנקט ווי אַ ליכט; די אָרטיגע יודען זענען פערצווייפעלט און זעהען נישט פאַר זיך קיין ליכטיגען מאָרגען. דאָס ערגסטע אָבער דערביי איז, וואָס אויך די קושעפּיצער יוגענד, וועלכע האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ טעמפּעראַמענטפולע חברה און פול מיט לעבען, איז אויך אַריינגעפאַלען אין אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע.

דאָס איינאָרדנען די האַלב־קאָלאָניע פון „טאָז” איז דעריבער פאַר די יודען אַן׳אַטראַקציע. עס וועקט זיי אויף פון דער פערגליווערטקייט, וואָס הערשט אַ גאַנץ יאָהר אין שטעדטיל און עס פאָרען זיך אַרום דער אַקציע אַלט און יונג. זאָגאַר אַ ספּעציעלער מיידעל־קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרען, וועלכער וועט אין משך פון דער צייט מיטהעלפען מיט וואָס ס׳איז מעגליך דער קאָלאָניע.

אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבען בעקוקט די פּלעצער וועגען דער קאָלאָניע און זיך בעראַטען, איז דער ד״ר וויענער געזעסען און געאַרבייט, עס זענען געקומען מאַמעס מיט קינדער, וועלכע מוזען אונטערזוכט ווערען פון אַ דאָקטאָר, יודען מיט מיחוש׳ן און סתם קראַנקע. און ריכטיג האָט געזאָגט אַ קרזשעפּיצער יוד: וואו נעמט מען אַזאַ דאָקטאָר, וועלכער זאָל קענען היילען דעם גאַנצען יודישען ישוב אין קושעפּיץ, וואָס איז אַ חולה־מסוכן...

אין קרזשעפּיץ עגזיסטירט אַ גמילת־חסדים־קאַסע, וועלכע האָט לעצטענס געקריגען פון „דזשאָינט” אַ סומע פון דריי טויזענד זל. אויף לאַנג־טערמיניגע הלוואות. דאָס איז — דערצעהלען די קרזשעפּיצער יודען — דאָס איינציגע רעטונגס ברעט אין דער איצטיגער צייט, וואָס דערהאַלט די חרוב־געוואָרענע יודישע עגזיסטענצען. זיי נויטיגען זיך אָבער אויך אין נאָך עטליכע טויזענד זל. אויף קורץ־טערמיניגע הלוואות פאַר קרעמער.

איך האָב זיך נאָך אויסגעהערט פּריוואַטע מעשות פון די קושעפּיצער יודען, אָבער דאָס געהט נישט אַריין אין מיין היינטיגען רעפּאָרטאַזש. אויך די אָנקלאַגע, וואָס אַן׳אַלטער קרזשעפּיצער תושב האָט צום רב צוליעב אַ שלעכטען פּסק־דין, ווי אויך די ווענדונג פון אַ געוועזענעם האַנדווערקער־טוער צום אַדוואָקאַט ווייצמאַן אין לאָדז, האָב איך נישט געקאָנט אײנגאַנצען אויסהערען, ווייל אָט הערט זיך דער סיגנאַל פון דער טאַקסיוקע, וואָס איז מודיע, אַז מיר פאָהרען קיין

קלאָבוצק

אַסך זאַכען פערשפּאָר איך צום שרייבען וועגען קלאָבוצק, ווייל איך האָב זיי דערמאָנט, ווען איך האָב געשריבען וועגען קושעפּיץ, אויך דאָ קויפען נישט די שטעדטלדיגע קריסטען ביי יודען; אויך דאָ דרעהט מען זיך אַרום ווי אויף אַ בית עולם און מען שלינגט די לופט, דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס ביי די קלאָבוצקער זענען נאָך פערהאַנען איינצעלנע יודען, וועלכע האָבען נאָך די האָפנונג אויף בעסערע צייטען נישט פערלוירען.

באַלד ווי מיר קומען אָן, רינגלען אונז אַרום אַ מחנה קינדער, באָרוויסע און הונגעריגע, אַזוי ווי זיי וואָלטען שוין גרייט געווען צו עסען. אויך עלטערע יודען שטעהען פונגרערווייטענס מיט אויסגעצויגענע נעז און פערשמאַכטע ליפּען און עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז ס׳וואָלט גאָרנישט געשאַדט, ווען צוזאַמען מיט דער האַלב־קאָלאָניע פאַר קינדער, וואָלט מען אויך איינגעאָרדענט אַ האַלב־קאָלאָניע פאַר צענדליגער עלטערע יודען, וועלכע געהען גאַנצע טעג אַרום הונגעריגע און פערשמאַכטע.

דער ד״ר וויענער זיצט נישט ליידיג. ער אַרבייט אויף אַלע כלים. עס שטעהט אַ לאַנגע רייהע מיט חולה־וואַטע קינדער און דער דאָקטאָר טאַפּט, קלאַפּט, פערשרייבט און גיט אַרויס פעראָרדנונגען. דערביי געניסען שוין אויך דערוואַקסענע חולאים. אויך דער יוד, וועלכען מען האָט מיט אַ קאַסע די האַנד אַדורכגעהאַקט, האָט געגאָסען פון חסד און דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז קיין מאַטעריע איז אין דער וואונד נישט פעראַנען.

אויך קלאָבוצק האָט אַ גמילת־חסדים־קאַסע, ס׳וואָלט אָבער זעהר געוואונשען געווען, אַז מען זאָל זי אַנשליסען אין דער קהלה, כדי זי זאָל האָבען מעהר אויטאָריטעט.

בכלל איז קלאָבוצק שטאַרק פעראָרימט און מען זעהט אָפּט געוועזענע פערמעגליכע יודען, וועלכע דרעהען זיך היינט אַרום ווי שאָטענס.

אַוועקפאָהרענדיג פון די דאָזיגע שטעדטלעך, האָט אַ שווערער קאָשמאַר געדריקט אין האַרצען. און געטראַכט האָב איך זיך, אַז מיר שטאָדטישע, וועלכע האָבען אויך גענוג צרות קאָנען נישט בעגרייפען די ליידען און מאָראַלישע יסורים פון די יודען אויף דער פּראָווינץ.

ש. פ—ק

אַז דער דאָזיגער „איידעלער” אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך געוואָרפען אויף ה׳ גאָלסטער׳ן און איהם געשלאָגען מכּת רצח.

בעת איך שרייב אויף די שורות, ווייס איך נאָך נישט, וואָס פון דעם ענין איז געוואָרען. צי איז טאַקי פערדינגען געוואָרען דאָס צווייטע געוועלב אויף דער זעלבער אונטערנעמונג, און אפשר האָט ה׳ א. צוליעב דער אויפרעגונג פון דער עפענטליכער מיינונג (אויף וועלכער, אגב, ער פייפט...) זיך צוריקגעצויגען. דער פאַקט אָבער, אַז אין דער היינטיגער צייט און ביי אַזעלכע אומשטענדען האָט זיך דער דאָזיגער אַדמיניסטראַטאָר געקאָנט דערלויבען אויף אַזאַ אויסטערלישער געמיינהייט, איז שוין גענוג איהם צו שטעמפּלען.

נאָך נישט אַלע און אַלץ איז פערדאָרבען!

דערצעהלט מיר ה׳ יחזקאל קאַפּינסקי פאָלגענדען כאַראַקטעריסטישען פאַקט:

אין 20־טען יאָהר האָט ער געהאַנדעלט מיט קריסטען פון פּויליש־קאַמעניץ, פלעגט ער זיי אָבוואָרטען ביים פּושעיאַזד אויף דער אָסטאָטני גראָש גאַס. איינמאָל בעת דער ה׳ ק. איז געשטאַנען ביים פּושעיאַזד און געוואַרט אויף זיינע קליענטען, האָט זיך אָבגעשטעלט אַ צוג מיט פּאָזנאַנטשיקעס. די לעצטע, דערזעהענדיג דעם יוד מיט אַ באָרד אין אַ יודיש היטעל, זענען אַראָב פון דער באַהן און איהם געוואָלט מקיים פּסק זיין, אַזוי ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין יענעם יאָהר. פּלוצים איז אָבער אַרויסגעשפּרינגען דער דאָרטיגער דרוזשניק, וועלכער האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אָנגעשריגען די פּאָזנאַנטשיקעס און צום סוף דעם יוד בעהאַלטען אין זיין בודקע נישט אַרויסלאָזענדיג איהם דאָרט אַזוי לאַנג ביז דער צוג איז אַוועקגעפאָהרען.

פון דאַמאָלס אָן, איז אַוועק 17 יאָהר. די וואָך, ווען ה׳ ק. איז אַדורכגעגאַנגען אין גאַס שטעלט איהם אָב דער זעלבער דרוזשניק, וועלכער האָט איהם דערקענט, פאַלט אויף איהם אַרויף און כאַפּט איהם קושען. לכתחילה, האָט זיך ה׳ ק. דערשראָקען. כ׳ווייס, היינטיגע צייטען... נאָר ווען דער דרוזשניק האָט איהם דערמאָנט יענע פיינליכע געשיכטע מיט 17 יאָהר צוריק, ווי אַזוי ער האָט איהם אָבגעראַטעוועט דאָס לעבען, האָט זיך ה׳ קאַפּינסקי דערמאָנט די גאַנצע גרויליכע געשיכטע און מיט וואַרימער האַרציגקייט פּאַכאַמאָל איהם געדאַנקט.

דער דרוזשניק איז אָבער געווען פול מיט התפעלות און זיך אויסגעדריקט, אַז דאָס שענסטע בלעטעל פון זיין לעבען איז געווען יענער מאָמענט, ווען ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבען פון אַ מענשען פון די צעיושעטע חברה.

אָבווינשענדיג דעם יודען אַלדאָס גוטס איז דער דרוזשניק אַוועק מיט אַ טרער פון שמחה אין די אויגען.

ווי איהר זעהט רבותי, זענען נאָך פערהאַנען אפילו אין דער איצטיגער טרויריגער צייט אָרענטליכע און האַרציגע מענשען.

ניין, רבותי, נאָך נישט אַלע און אַלץ איז פערדאָרבען!

דער אַלטער מאַרק איז אויפגערעגט

ווען איך האָב געפרעגט דעם איינגענטימער פון הויז 22 אויפ׳ן אַלטען מאַרק, צי עס זענען נישטאָ אין טשענסטאָכאָוו קיין יודישע מאָלער, וועלכע זאָלען קאָנען אָנמאָלעווען עטליכע פענסטער און טהירען, נאָר ער מוז זוכען דוקא פון צווישען די, וועלכע האָבען די דאָזיגע פענסטער מיט 4 וואָכען צוריק אויסגעבראָכען, האָט מיר דער ריימאַן געענטפערט אַזוי צו זאָגען: כ׳ווייס נישט, וואָס פאַר אַ פּרעטענציע איהר האָט צו מיר, פאַר וואָס אָרט איך גאָר נישט, אַז בייגעלע פון דער וואַרשאַווער גאַס, וועלכער האַנדעלט מיט טליתים און ציצית גיט אויך נישט קיין אַרבייט קיין יודישע בעלי־מלאכה׳ס און דער און יענער—זיי מעגען? נאָר איך, אַז איך טהו נאָר אַ קליין עבירה׳לע, שוין, האָט מען שוין טענות צו מיר. איבריגענס—פערטיידיגט זיך פאַר מיר ה׳ ריימאַן—האָט זיך צו מיר קיינער פון יודישען מאָלער־צעך נישט געוואָנדען נאָך אַרבייט, און דעריבער — —

— דעריבער—רייס איך איהם איבער—איז גלייכער, אַז איהר זאָלט בעסער נישט רעדען; איהר זענט אַן „עמך”־יוד און פערשטעהט נישט אַזאַ קלייניגקייט, אַז די אויפגאַבע פון יודישע הויז־ווירטען איז אין דער היינטיגער שווערער באָיקאָט־צייט אונטערצושטיצען יודישע בעלי־מלאכות, און אויב איהר פערטיידיגט זיך, אַז אויך בייגעלע טהוט דאָס זעלבע, און גרונם און חיים, בעווייזט איהר נאָר, אַז איהר דאַרפט נישט זיין קיין הויז־ווירט...

אַזוי האָב איך צו איהם גערעדט. וואָס העלפט עס אָבער, אַז די דאָזיגע בעלי בתים האָבען געלד, אָבער קיין ביסעל געוויסען און יודישען שטאָלץ.

צוליעב די דאָזיגע מעשים רעים איז טאַקי דער אַלטער מאַרק אויפגערעגט.

ווער דאַרף זיי, די יודישע מעקלער...

זינט דעם פערשטאַרקטען באָיקאָט זענען די יודישע געוועלבער אין דער צווייטער אַלעע אין אַ סכנה אונטערצוגעהען. דאָס איז אָבער נישט משמע, אַז יודען אַליין דאַרפען מיטווירקען, דאָס די יודישע געשעפטען זאָלען וואָס פריהער ליקווידירט ווערען און איבערגעהן אין נישט־יודישע הענד.

עס איז אמת, אַז אַן׳אַלטע פירמע פון מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריע, וועלכע איז צוליעב׳ן באָיקאָט שטאַרק דערשלאָגען, האָט געזאָלט איבערגעהן אין נישט־יודישע הענד און דערביי איז געווען אַ מעקלער אַ יוד, וועלכער האָט געזאָלט פערדינען היבש מעקיל־געלד פון דער דאָזיגער טראַנזאַקציע איז אָבער צום סוף נישט געוואָרען. יעדענפאַלס האָט דאָס פערשמעקט דעם מעקלער, וועלכער געהט אַרום איבער אַלע יודישע געוועלבער פון דער צווייטער אַלעע, איבערהויפּט אין די געוועלבער, וועלכע זענען בעת׳ן פּאָגראָם דעמאָלירט געוואָרען, און פרעגט די אינהאַבער, צי זיי וואָלטען נישט געוואָלט ליקווידירען זייערע געשעפטען, ווייל ער האָט „צופּעליק” גוטע קונים—פּויזנער סוחרים, וועלכע ווילען צאָהלען אַ גוטען פּרייז. דערביי רעדט דער מעקלער צו דעם יודישען געוועלב־אייגענטימער, אַז ער זאָל בעסער איצט מאַכען דאָס געשעפט, כל זמן ער וועט נאָך בעקומען אַ גוטען מקח, איידער שפּעטער, ווען ער וועט מוזען אַרויס בעירום ובחוסר כל.

נו, וואָס זאָגט איהר נישט צו די דאָזיגע מעקלער, ווער דאַרף זיי, ווער האָט צו אַלדע שוואַרץ יאָהר געשיקט נאָך זיי, נאָך די יודישע מעקלער?

לויתן

טשענסטאכאווער יודען, ערפולט אייער חוב!

עס איז באמת נישט אזוי זעהר אנ־גענעהם וועגען דעם ענין צו שרייבען, ווייל וואס־וואס, נאר אז די טשענסטא־כאווער יודען, וועלכע האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהען די געשעהענישען און אויך געפיהלט די רעזולטאטען פון דעם אלעם, האבען געדארפט ווי־נאר ס'איז געשאפען גע־ווארען דער הילפס־קאמיטעט צו שענ־קען נדבות מיט א ברייטער האנד.

און פאקטיש מוז מען פעסטשטעלען, אז ס'האבען זיך געפונען יחידים, וועל־כע האבען נישט געווארט ביז מען וועט צו זיי קומען, נאר זיי האבען אליין אויפגעזוכט דעם קאמיטעט און ערפולט זייער מענשליכען און ברודער־ליכען חוב. די מעהרהייט אבער, און צווישען זיי אויך פערמעגליכע יודען, וועלכע האבען פון די געשעהענישען גארנישט געליטען, האבען זיך אינגאנ־צען ארויסגעדרעהט פון עסק אדער אין בעסטען פאל האבען זיי געשענקט א מינימום.

דער טשענסטאכאווער הילפס־קאמי־טעט איז בעשרענקט מיט געלד־מיט־לען און ווען ער ווענדעט זיך נאך הילף צום „דזשוינט“ אדער צו אנדע־רע הילפס־אינסטיטוציעס, כדי צו קע־נען דעקען די שאדענס, וואס די טשענ־סטאכאווער יודען האבען געליטען, איז די ערשטע פראגע: וואס האבען די טשענסטאכאווער יודען דערויף צושטיי־ער נעגעבען?

א גרויסע צאהל ביטעס וועגען שטי־צע ליגען אין הילפס־קאמיטעט. נאך זענען הונדערטער שויבען נישט אריינ־געמאכט און ווארטען אויף זייער תי־קון. פערהאן אויך א רייהע ווערקשטא־טען, וועלכע זענען חרוב געווארען און מען דארף זיי אויפריכטען און נאר אין אייך, טשענסטאכאווער יודען, ווענדעט זיך, צי מיר וועלען נישט בלייבען פערשעמט.

טשענסטאכאווער יודען, העלפט איי־ערע ברידער, ערפולט אייער חוב!

ש.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA“

פ. יאסעלעוויטשא 11

(נעגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

קראגענס ווערען געוואשען מיט דויער־האפטען שפיגעל־גלאנץ

ספעציאליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פערגען לויט מוסטערן,
3) דעסאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
4) כעמיש ריינינגען און פאסאנירען קאפעלושען,

ענדערונג ווערט פרא־אראביש

די יודישע מלוכה קען ווערען א גרויס געפאהר

מיט'ן ענגלישען פראיעקט צו שא־פען א יודישע מלוכה האט זיך אמ־ערשטען דערפרעהט די ענדעקישע פרעסע: מען וועט קענען פטור ווערען פון די יודען אין פוילען. איצט הויבט זיך אן א נייע אריענטאציע פון דער ענדעציע. זי ווערט פרא־אראביש. דער גאנצער פראיעקט, אז יודען זאלען בעקומען אנ'אייגענע מלוכה, געפעלט איהר נישט. פארוואס? דער „דזשעננ־ניק נאראדאווי“ האט וועגען דעם פערעפענטליכט א גרויס ארטיקעל א.נ. „די פאלעסטינא־פראגע און דער אינ־טערעס פון פוילען“, אין וועלכען זי שרייבט צוו. אנדער'ס:

— „דאס לעזען די יודען־פראגע דורך „עוואקואירען“ די יודען קיין פאלעסטינא איז פראקטיש אונמעגליך. מיליאנען יודען וועלען ווייטער בליי־בען אין גלות. אבער לאמיר אננעה־מען, אז פאלעסטינא וועט אריינגעמען אלע יודען אויף דער וועלט. צי אפילו אין אזא פאל ליגט אין אונזערע אינ־טערעסען, אז עס זאל געשאפען ווערען א יודישע מלוכה אין פאלעסטינא? מיר וועלען שוין נישט רעדען וועגען אונזערע רעליגיעזע געפיהלען—הגם עס איז אונז גארנישט גלייכגילטיג צי א שטארק נישט־קריסטליך פאלק וועט ווערען דער הערשער פון דער היילי־גער ערד. אבער צי ליגט אין אונזער אינטערעס, אז אין שכנות מיט'ן סועץ־קאנאל, סטראטעגיש און ווירטשאפטליך איינע פון די וויכטיגסטע פונקטען אין דער וועלט, זאל אויפשטעהן א יודישע מלוכה און אז דער באסיין פון מיטעל־לענדישען ים, וועלכער איז דאס ווי־געלע און דער צענטראלער פונקט פון אונזער ציוויליזאציע זאל זיך בע־וויזען א שטענדיגער פאליטיש־נאציא־נאלער ארגאניזם, זאל זיך בעווייזען א לאנד, וואס איז לויט דער רעליגיע און ציוויליזאציע ארגאניזירט אין א גייסט, וואס איז אונז נישט נאר גלייכ־גילטיג און פרעמד ווי דער איסלאם, נאר האט זיך פון יאהרהונדערטער ספעציאליזירט אין אויפרייסען און פערניכטען אונזער ציוויליזאציע?

דער סועץ־קאנאל און דער מיטעל־לענדישער ים ליגט ווייט פון פוילען, אבער ווילענדיג זיין א גרויס פאלק קענען מיר נישט זיין גלייכגילטיג דע־רויף, וואס עס טהוט זיך אביסעל ווי־טער פון אונזער גאז!

צי קען א יודישע מלוכה ביים סו־עץ־קאנאל און ביים מיטעללענדישען ים האבען עפעס א בעדייטונג?

און וואס בעדייט דארט גריכענלאנד? עס וועט דוכט זיך יעדער מודה זיין, אז די פאליטישע און נישט נאר פא־ליטישע בעדייטונג פון היינטיגען גרי־כענלאנד ביים מיטעללענדישען ים איז א ריזיגע. און וואס אזעלכעס איז דאס גריכענלאנד? היינט צעהלט זי בערך 6 און א האלבען מיליאן איינוואוינער. אין יאהר 1920 האט זי געהאט 5 מיל־יאן. אין יאהר 1907 האט זי געהאט בלויז 2 מיליאן מיט 600 טויזענד. אין יאהר 1881 האט זי געהאט 2 מיליאן. אין יאהר 1853 האט זי געהאט 1 מיל־יאן און אין יאהר 1839 האט זי גע־האט קוים 800 טויזענד איינוואוינער. און יודען אין פאלעסטינא איז דאך היינט פערהאן 400 טויזענד און אויף דער טעריטאריע, וואס דער ראפארט פון דער קעניגליכער קאמיסיע בע־שטימט פאר זיי דארפען זיי קורצליך דארט האבען א מיליאן יודען און ווי אפטימיסטען מיינען 2 מיליאן. דערמיט ענדיגט עס זיך נאכנישט: די יודישע מלוכה וועט זיך זיכער פערברייטערן אויף דער נישט בעוואוינטער שכנות'־דיגע טעריטאריע פון די אראבישע לענדער און אזוי ארום בעקומען ווי־טערדיגע מעגליכקייטען צו פערגרע־סערען איהר בעפעלקערונג“.

—מיר האבען נישט קיין איינפלוס —קרעכצט דער „דזשעננניק נאראדאווי“ צו שטערען די ענטשטעהונג פון דער יודישער מלוכה אין פאלעסטינא. מיט'ן מאמענט ווען די מלוכה ענטשטעהט אהן אונזער הילף, מוזען מיר, גאנץ פשוט, דאס אויסנוצען כדי צו פער־גרעסערען מאקסימאל די עמיגראציע פון די פוילישע יודען. אבער צי זא־לען מיר צולייגען א האנד צי דעם אויפבוי, צו דער פערשטארקונג און צו דער דרך ארץ'דיגער בעציהונג צו דער דאזיגער מלוכה? צי זאלען מיר זיך פאליטיש אנגאזשירען אינ'ם שטרייט ביים מיטעללענדישען ים לטובת די יודען און ענגלאנד און געגען די אראבער און איטאליע?

די — שרייבט ווייטער דער ענדעקי־שער ארגאן — וואס ענטפערען דערויף פאזיטיוו, זענען עס די יעניגע, וואס טראכטען נישט וועגען א פולשטענדיגער עמיגראציע פון די יודען אין פוילען, נאר בעגענוגענען זיך מיט פאלאטיוועון, מיט א טיילווייזע עמיגראציע. מיר קוקען אבער אנדערש דערויף. מיר זע־נען לחלוטין נישט פעראינטערעסירט, אז די יודען זאלען ערגעץ וואו מחוץ פוילען זיך ערווערבען א מלוכה. מיר ווילען בלויז, אז זיי זאלען עמיגרירען פון פוילען און עמיגרירען מחוץ איירא־פא. זאלען זיי עמיגרירען קיין רוסלאנד, קיין מאדאגאסקאר, ווייל דאס לעזען די יודען פראגע מאכען מיר לגמרי נישט אבהענגיג פון פאלעסטינא. עס איז אונז גלייכגילטיג די פראגע צי מחוץ איירא־פא וועלען די יודען לעבען אין גלות אדער אויף איין טעריטאריע. ווען א יודישע מלוכה זאל ענטשטעהן נישט אין פאלעסטינא נאר אין עפעס א מא־דאגאסקאר אדער א בירא־בידזשאן וואלט עס פאר פוילען און פאר איירא־פא גע־ווען אינגאנצען גלייכגילטיג.

X.

א בעסטיאליש געפלאנטער ברודער־מארד.

אין דארף יעלאנקי, ביי רודניק, איז געפונען געווארען אין קארן א הרוג מיט אנ'אונטערגעשניטענעם האלז. ער האט זיך ארויסגעוויזען אלס דער 39־יעהריגער פיאטר גזשעביעלעץ פונ'ם זעלבען דארף.

ווי די אויספארשונג האט פעסטגע־שטעלט, איז דאס א רעזולטאט פון א געפלאנטען ברודער־מארד, וואס איז א זעלטענהייט אין דער קרימינאליסטיק און שטעלט זיך פאר פאלגענד:

דער הרוג מיט זיין ברודער קאנ־סטאנטי האבען געוואוינט אינ'ם פאל־ווארק, וואס איז געבליבען נאך זייער פאטער. ווען דער לעצטער האט חתונה געהאט האט ער צוזאמען מיט זיין ווייב געזוכט אנ'עצה, ווי אזוי אנצו־קריגען די טייל פערמעגען פון זיין ברודער, וועלכער איז אגב געווען א קאליקע, א הויקער.

ער האט אונטערהאנדעלט עס אבצו־קויפען און דערפאר משוה געווארען 1,500 זלאטעס. קומענדיג צום רעיענט, האט ער דעם נאאיווען ברודער פאר־געלעגט, כדי איינצוברענגען קאסטען, איינצושרייבען אין די אקטען, אז ער פערקויפט איהם פאר 50 זל. און די דאזיגע סומע האט ער טאקי בעצאהלט ביים רעיענט. זייענדיג אוחז ביד האט ער איהם די 1450 זל. נישט געוואלט צוגעבען. דער אהגענארטער ברודער האט איהם אבער פערקלאגט, ארויסבע־קומען א „וויראק“ און איהם געמאכט אנ'ארעסט אויפ'ן לעבעדיגען אינווענ־טאר.

זעהענדיג, אז דער שווינדעל האט זיך איהם נישט איינגעגעבען, האט קאנסטאנטי אנגעהויבען פלאנען איהם אראבצורוימען פון וועג און צו דעם צוועק האט ער אראבגעברענגט דעם ברודער פון זיין ווייב, יוזעף וואלענסקי פון משענסטאכאווער פאוויאט, וועלכער האט אויסגעפיהרט דאס שטיקעל „אר־בייט“. אבווארטענדיג א מאמענט, האט ער איהם דערלאנגט מיט א דראנג אי־בער'ן קאפ און נאכדעם האבען איהם ביידע פערייגעשלעפט אין א שטאל אריין, וואו דער בעסטיאלישער ברודער האט איהם מיט א מעסער אונטערגע־שניטען דעם האלז און נאכדעם ווי זיי האבען איהם פערטיג געמאכט לויט די דינים פון „הומאניטארער שחיטה“, האבען זיי איהם אריינגעווארפען אין קארן אריין.

דאס פארפאלק און דער צוהעלפער פון בעסטיאלישען מארד זענען געווא־רען ארעסטירט.

נישט־בעשטעטיגט די וואהלען פון גמינע־ראט אין פאנקי.

אין יאהר 1934 זענען אין חיגען פאוויאט פארגעקומען וואהלען פון א גמינע־ראט. אין אלגעמיין זענען אין אלע גמינעס די דאזיגע וואהלען בע־שטעטיגט געווארען דורך דער אויפ־זיכטס־מאכט און זיי אמטירען ווי גע־העריג.

אנ'אויסנאהם אין דעם פאל איז גע־שעהן מיט'ן גמינע־ראט אין פאנקי, וועלכען דער העכסטער טריבונאל האט צוליב פערשידענע פארמעלע נישט־פונקטליכקייטען נישט בעשטעטיגט.

צוליב דעם איז דער גמינע־ראט אין פאנקי פונאנדערגעלאזט געווארען און אין די נאהנטסטע טעג וועט דורך דער סטאראסטווא בעשטימט ווערען א נייער טערמין פון די וואהלען.

ס'פערשוואונדען מיידלעך.

פון יאן שיקארא'ס הויז אין דארף אלעקסאנדריא איז דעם 16 ד.ח. ארויס זיין 13־יעהריגע טאכטער סטאניסלאווא, וועלכע האט זיך נאך ביז היינט נישט צוריקגעקעהרט. די פערשוואונדענע איז פון מיטעלען וואוקס, העל־בלאנד, בלויע אויגען און איז אנגעטהון אין א טונקעל־בלוי קלייד; זי איז ארויס פון דער היים בארוועס און אהן הוט און וועט זיך מסתמא פרובען אנצוקומען אלס משרת.

דעמזעלבען טאג איז פונ'ם הויז אין דארף מאזשענטשיץ, גמינע פאיענטשנא ארויס די 26־יעהריגע סטאניסלאווא מיעלטשארעק, וועלכע האט זיך אויך נאך ביז היינט נישט צוריקגעקעהרט. זי האט געזאלט אוועק קיין טשענסטא־כאוו אדער קאוואדזשע.

די דאזיגע פערזאנען, וואס ווייסען עפיס אדער בעזיצען אינפארמאציעס וועגען די פערשוואונדענע מיידלעך, דארפען מודיע זיין דעם נאהנטסטען פאליציי־פאסטערונעק אדער דירעקט צו דער אויספארשונגס־פאליציי אין טשענ־סטאכאוו, לובליניעצקא גאס 4, טעלעפ. 88—11 און 48—12.

ארעסט פאר פאהרען אויפ'ן טרא־טואר מיט א ראווער.

א געוויסער יעזשי באדזשאכאווסקי איז דורכ'ן סטאראסטווא פער'משפט געווארען אויף 1 טאג אונבעדינגטען ארעסט פאר פאהרען מיט א ראווער אויפ'ן טראטואר.

איידער ס'ווערט ליכטיג...

קליינער פעליעטאן

— איהר זענט היי־יאהר געווען ביי קינות? — אט מיט דער פראגע איז צו מיר צומארגענס נאך תשעה באב אריין מיין שכן גרונם פלטיאל.

— כ'בין געווען — ענטפער איך. אבער וואס איז דען היי־יאהר מעהר ווי אלעמאל, בין איך נייגעריג צו וויסען. אלע יאהר קלאגט מען און אויך היי־יאהר האט מען געקלאגט אויפ'ן חורבן.

— ס'איז נישט דאס, וואס ס'איז גע־ווען אלע מאל,—זאגט מיין שכן. דאס היינטיגע קלאגען אויפ'ן חורבן האט געהאט אנ'אנדערע בעדייטונג, גאר אנ'אנדערען טעם. עס איז געווען אזא טעם, ווי מען וואלט געקראצט א מכה: אי מען האט א הנאה, אי עס טהוט וועה.

— כ'פערשטעה נישט—בין איך זיך אפען מודה—וואס איהר מיינט. עפעס רעדט איהר היינט מיט רמזים.

— וואס איז דא נישט צו פער־שטעהן—וואונדערט זיך מיין שכן. זעצט אייך אנידער אביסעל און הערט אויס מיין קאפ.

— קנאפע צוויי טויזענד יאהר—הויבט ער אן זיין לעקציע זייט מיר זענען פערטריבען געווארען פון אונזער היים און לאנד. מען האט חרוב גע־מאכט אונזער בית המקדש און צוגע־נומען די זעלבשטשטענדיגקייט פון א נארמאל פאלק און אין טאג פון תשעה באב זעצען מיר זיך אנידער ווי אבלים און וויינען אויף דער בראך, וואס ס'איז אונז געשעהן. און אויף וואס צו וויינען האבען מיר גענוג, צוקוקענדיג זיך, ווי אלע פעלקער הא־בען זייער היימלאנד, פיהרען א מלוכה־לעבען, נאר מיר יודען זענען דאס איינציגע פאלק אויף דער גאנצער וועלט, וואס איז עקס־טעריטאריאל און מוז זיך וואלגערען אויף פרעמדע נעלעגער'ס. וואס לענגער דער דאזי־גער צושטאנד ווערט אלץ ביטערער אונזער לעבען, אלץ מעהר האט מען אנגעהויבען צו רעזיגנירען פון צוריק־קעהרען צו דער אמאליגער גדולה. און איהר ווייסט דאך—גיט מיר צו פערשטעהן מיין שכן—אז די גרעסטע טראגעדיע פון א מענשען און אזוי גוט פון א פאלק איז דאמאלס, ווען מען פערלירט די האפנונג. כאטש ביים יודישען פאלק ציהט זיך אדורך, ווי א רויטער פאדים דער בטחון, די אמונה, אז סוף כל סוף וועט קומען די גאולה, ביז וואס־ווען ווערען מיר גע'רודפ'ט עד חרמה, א דאנק די גרויסע צרות האבען זיך ביי אונז יו־דען געמעהרט די פאלשע משיחים, וועלכע האבען אויף א מינוט אויפ־געוועקט די האפנונגען ביי די פער־אורימטע און דערשלאגענע יודען, און שפעטער, ווען ס'האט זיך ארויסגע־וויזען, אז דאס איז געווען א פאלשע האפנונג, זענען די יודען אריינגע־פאלען נאך אין א גרעסערע פערצווייפ־לונג און הונדערטער פון אונז זענען פון ווהטאג משוגע געווארען אנדערע האבען זיך א מיתה אנגעטהון און נאך אנדערע האבען דעזערטירט פון יודי־שען פאלק.

צו גרויס און צו־וועהטאגליך איז די מארטירעלאגיע פון יודישען פאלק אין משך פון די קנאפע צוויי טויזענד יאהר ארומוואלגערן זיך אויף דער וועלט אהן א היים און אהן א לאנד. אהן א היינט און אהן א מארגען.

דאס אלץ אבער האט בעקומען אנ'־אנדערן אויסזעהן די לעצטע יאהרען, ווען ס'איז ענטשטאנען דער געדאנק וועגען שיבת ציון, וועלכעס האט זיך שוין נישט בעגנוגענט מיט בלויז רוחניות נאר האט אויך בעקומען בלוט און פלייש. הונדערטער און טויזענדער חלוצים האבען אוועקגעווארפען דעם גלות, מיט זיינע גליקען און זיך גע־לאזט אהין דארט, אין לאנד פון אונ־זערע אבות, זיך איינגעקלאמערט אין דער וויסטער פערלאזטער ערד און מיט'ן שוויס און בלוט זי פעט גע־מאכט, אזוי אז יענע משיח־בעוועגונג, וועלכע האט געהויערט אין די נשמות פון יודישען פאלק, האט בעקומען רעא־לע פארמען. גענוג מכשולים זענען געווען אויפ'ן וועג: פון איין זייט די ענגלענדער, וועלכע האבען געהאט זייער אימפעריאליסטישע פאליטיק, און פון דער צווייטער זייט די אראבער, וועלכע האבען געוואלט צונעמען דאס יודישע האב און גוטס, די יודען אבער אין ארץ ישראל האבען זיך שוין גע־רעכענט אלס תושבים, אלס די יעניגע, וועלכע זיצען אויף זייער ערד און העלפען אויספערטיגען דאס גרויסע ווערק, וואס רופט זיך יודישע מלוכה.

איצט — זאגט ווייטער מיין שכן — איז געקומען דער לעצטער אקט, דאס פראקלאמירען די יודישע מלוכה דורך דער קעניגליכער קאמיסיע, נו, האט זיך דאך געדארפט עפיס טהון, יודען האבען דאך געדארפט טאנצען אין די גאסען פאר שמחה, איא פונדעסטוועגען האט זיך אויפגעהויבען א שטורם און גאנצע מחנות יודען, ווער שמו־עסט די רעוויזיאניסטען, זענען דאך גאר מרעיש עולמות און שרייען אין איין כאר: ניין, ניין, מיר ווילען נישט, מיר בעשטעהן נישט, מיר ווילען כולה שלי, גאנץ ארץ־ישראל מיט ירושלים אלס הויפט שטאדט.

און טאקי ביי די היירינע קינות — קומט צום אויספיהר מיין שכן — האט מען בולט געזעהן די שטימונג, וואס בעהערשט די יודען. לעולם — איז מיר מיין שכן מסביר — האט מען דאך געדארפט שוין אבשאפען דעם תענית תשעה באב, ווארום אויב מען האט פראקלאמירט א יודישע מלוכה, א קלענערע אדער א גרעסערע — אלץ איינס פערלירט דאך דער תשעה באב זיין אינהאלט, און אויב מען האט היי־יאהר תשעה באב, וועלכער איז זא־גאר געווען א נדחה, דאך מרעיש עולם געווען מעהר ווי אלע יאהר, איז א סימן, אז עם ישראל חי, אז דאס יו־דישע פאלק לעבט און וועט זיך נישט לאזען אבשטיפען מיט שיהע־פיהע. מיר וועלען שרייען, מיר וועלען זיך פרי־הער נישט בערוהיגען, ביז מען וועט אונז אבגעבען, וואס אונז קומט.

אמת, ס'איז אונז נאך גענוג אנגע־זאלצען אויפ'ן הארצען, מען גיט אונז כלומרשט די יודישע מלוכה, וואס איז א חווק־שפיעל, נאר דעספא מעהר, וואס פינסטערער עס איז אלץ מעהר זיכער זענען מיר, אז עס ווערט ליכ־טיג. אזוי איז שוין דער רוח הטבע, אז איידער עס ווערט ליכטיג, ווערט שטארק פינסטער. ביי אונז יודען איז יעצט וימש חושך - מיר טאפען אין דער פינסטערניש, מיר פיהלען אבער בחוש, אז דער מארגענשטערן געהט אויף אויף אונזער האריזאנט און דע־ריבער שרעקען מיר זיך נישט פאר דער פינסטערניש, נאר מיר זענען זי מקבל באהבה.

טרייסט דיך מיין פאלק — עס איז היינט שבת נחמו — פערענדיגט זיין רעדע מיין שכן. ווייס, אז דאס זענען די לעצטע וועהען פון ווידערגעבורט פון מלכות ישראל. זאל דיך נישט קי־מערען די פינסטערניש, ווייל אזוי איז שטענדיג, איידער ס'ווערט ליכטיג...

סמאל

Wyjazd nowej grupy dzieci

na kolonie letnie im. Z. Wajnsztokówny

we Włodzimierzowie

w niedzielę dnia 25 b. m. Informacje w kancelarii, Aleja 20, el. 10-78 codziennie w godz. 11—12 i 4—5 pp.

נאָך אַ רייה פּראָצעסען פאַר אָנטיילנעמער אין די אַנטי-יודישע געשעהענישען.

אויסער דער רייה פּראָצעסען פון אנטיילנעמער אין די לעצטע אַנטי-יודישע געשעהענישען, וועגען וועלכע מיר האבען געשריבען מיט עטליכע טעג צוריק, זענען סוף חודש ליפּיעץ אין אָנהויב שערפּיען פאָרגעזעהען אין טשענסטאָכאָוו נאָך א רייה פּראָצעסען פון אָנטיילנעמער אין די געשעהענישען.

בסך הכל וועלען אויף דער בעשולדיגונגס באַנק זיך געפונען אַנ'ערך 60 אָנגעקלאָגטע, פון וועלכע א העלפט געפינט זיך שוין זייט א חודש אין דער תפיסה אויף זאַוואָדזיע.

אזוי איז שוין איבערגעגעבען געוואָרען דער בעשולדיגונגס אַקט צו די אָנגעקלאָגטע: מיעטשיסלאוו באַלצעראַק, יוזעף פּלעבאַניק, לוציאַן סטאַכעלאַ, מאַריאַן דאָמאַנסקי, וויקטאָר וויעזשבאַ, היפּאָליט דימקעוויטש, עדוואַרד יאַנאַשיק, מאַריאַן פּעליס, יוזעף סראָקאַ, וואָיטשעך באַכאַ, פּ. קערנאַלסקי און יוזעף שקאָפּ.

דער בעשולדיגונגס אַקט וואַרפט זיי פאָר, אַז דעם 19 יוני ה. י. האבען זיי אין טשענסטאָכאָוו אויף די גאַסען: נאַרוטאָוויטשאַ, קאַטעדראַלנאַ און וואַרשאַווער, ווי אויך אויפ'ן נייעם און אַלטען מאַרק גענומען אנטייל אין אַנ'עפענטליך צוזאַמענגעלויף, וועלכעס האט מיט געמיינזאַמע כחות פון די אָנטיילנעמער אויסגעפיהרט אַנ'אַטענטאַט אויפ'ן פערמעגען פון דער יודישער בעפעלקערונג, אויסהאַקענדיג שויבען אין די פּריוואַטע וואוינונגען און געוועלב שויפענסטער און דעמאָלירענדיג די געוועלבער, פערניכטענדיג די סחורות, ווי אויך צושלאָגען מיט שטיינער און פּלאָשען זעליג העלפגאָט'ן, פריידל פריימאַג, אהרן קאָלין און משה טשעטשורע.

דער בעשולדיגונגס-אַקט שטרייכט אונטער, אַז דעם קריטישען טאָג 7 א זייגער אָוונט איז פון לאָקאַל פון דער ענדעקישער פּאַרטיי ארויס א גרופּע מיטגלידער, מאַכענדיג אַנטי-יודישע אויסרופען, וועלכע האבען אין א קורצער צייט צונעצויגען א טויזענד-קעפּיגען המון, וואס האט פערפלייצט די גאַסען פון שטאָדט.

בעת די פאָסירונגען האט דער אָנגעקלאָגטער באַלצעראַק געהאט איןביידע הענד פּלאָשען, מיט וועלכע ער האט צושלאָגען זעליג העלפגאָט'ן און פריידל פריימאַג; יוזעף פּלעבאַנעק דאַגעגען האט בעוואָרפען די יודען מיט שטיינער. ביים לעצטען זענען געפונען געוואָרען צוויי שטיינער און א קוך-מעסער.

די לעצטע טעג זענען פון דער תפיסה אין זאַוואָדזיע בעפרייט געוואָרען: וולאדיסלאוו באַראַנאָווסקי, וולאַדיסלאוו שטשעפּורא, סטאַניסלאוו סקושיפּטשאַק, אלעקסאנדער יאַזשאַמבעק און וולאדיסלאוו קוש פון קאָמיק, וועלכע האבען אין דער זעלבער צייט, וואס ס'זענען פאָרגעקומען די היגע אַנטי-יודישע געשעהענישען, דעמאָלירט אין קאָמיק די שוהל און די יודישע וואוינונגען אין קאָמיק.

אויך זענען בעפרייט געוואָרען 4 אַרעסטירטע פון דאָרף ליבידזאַ, וואו ס'זענען צוהאַקט געוואָרען יודישע וואוינונגען.

מערדערליך צושלאָגען אַ יוד אויף שוו. באַרבאַרי

מאַנטאַג פאַרמיטאַג, בעת דער קאָזשעגלאָווער איינוואוינער יוסף שלענזאַק איז געגאַנגען אין דער צעגעלניע אריין פון די ב״ידער העלמאַן, וועלכע געפינט זיך הינטער דער שטאָדט אויף יאַצקאָגאַס, איז ער אויף שוו. באַרבאַרי בעפאַלען געוואָרען דורך א גרופּע כוליגאַנעס. די צווילדעוועטע אָנפאַלער האבען מיט שטיינער און שטעקענס צושלאָגען דעם יוד אויפ'ן גאַנצען קערפּער און אין פּנים, אזוי, אז ער איז געפאַלען אין חלשות אַ שטאַרק-בעגאָסענער מיט בלוט.

ארויסגעהענדע פון דער דערמאַנטער צעגעלניע האבען דעם צושלאָגענעם יוד אריינגענומען אינ'ם פאַבריקס בנין און ארויסגערופען די פּאָגאָטאָוויע, וועלכע האט דעם שווער-פערוואונדעטען געגעבען די ערשטע הילף.

שלענזאַק איז פערבליבען אין דער צעגעלניע ביז פאַרנאַכט און דאן איז ער ערשט איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל אריין.

ענדגילטיג אָבגעוואָרפען דער ענדעקישער פּראָטעסט.

ווי מיר האבען שוין זיינער צייט מיטגעטיילט, האט דער ענדעקישער ראַטמענער קלוב אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן איינשטימיגען אָננעמען דעם שטאָדטישען בודזשעט, אריינגעטראָגען צום קעלצער וואָיעוואָדע א פּראָטעסט געגען אָננעמען דעם דאָזיגען בודזשעט.

עהערגעכטען האט דער וואָיעוואָדע מודיע געווען די שטאָדט פערוואַלטונג, אז צוליב דעם, וואס דער שטאָדט-ראַט האט ביים אָננעמען דעם בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1937—38 זיך געהאַלטען אין די ראַהמען פון געזעץ — ווערט דער פּראָטעסט פון ענדעקישען ראַטמענער-קלוב נישט בעריקזיכטיגט.

ווי בעוואוסט, האבען די אויסאָרען פון פּראָטעסט זיך געשטיצט און אונטערגעשטראָכען, אז די בודזשעט-זיצונג האט נישט געטראָגען קיין עפענטליכען כאַראַקטער, פערגעסענדיג דערביי, אז ס'זענען דאמאלסט אָנוועזענד געווען פאָרשטעהער פון דער גאַנצער היגער פּרעסע. דאן איז בעריהרט געוואָרען דער פאַקט, וואס די זיצונג האט געדויערט העכער 5 שעה, געגען וואס ס'האט אבער קיין שום ראַטמאַן נישט פּראָטעסטירט.

ביי אזעלכע בעדינגונגען איז דער פּראָטעסט געוואָרען אָבגעוואָרפען.

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
ZNAK OCHR.
PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE.

הפקר פּיעטרושקע.

אין די אלעען, איבערהויפּט אין דער דריטער אלעע, שטעהט טאָגטעגליך א דראָב מיט „אַבעצע"-ציי-טונגען און האַלט דרשות וועגען דער אויסראָטונג פון יודען אין פּוילען. די דורכגעהער הערען זיך צו צו די דרשות—יודען האבען עגמת נפש און קריסטען קוועלען אָן.

לעולם, איז אזא פּרעדיגען אין מיטען גאַס געוויסליך נישט ערלויבט, ווייל דאס רופט צו ראַסען-האַס און בעדראָהט די עפענטליכע רוה. האט דער פּרעזעס פון דער יודישער קהלה אינטערווענירט און מען האט איהם אויך צוגעזאָגט זיך צו פעראינטערעסירען מיט דעם ענין. דערווייל אָבער טהוט יענער כסדר זיין פערדאָרבונגס-אַרבייט. איז דאָך די פראַגע, היתכן? איז דער תירוץ—מיינע שונאים זאָלען וויסען פון זייער לעבען, צי איך ווייס וואס צו ענטפערען. נאָר גאַרנישט, אזוי איז שוין לעצטענס ביי אונז, עס איז הפקר פּיעטרושקע...

אַ גרוס פון דער קינדער-קאָלאָניע א.ג. פון זאַפּיאַ וויינשטאָק.

אויף אונזער אַדרעס איז אָנגעקומען פאָלגענדער בריעף:

„די קאָלאָניסטען פון דער שולע א.ג. פון זאָפּיאַ וויינשטאָק אין וולאָדזשימיעזשוב שיקען איבער די האַרציגסטע גרוסען זייערע עלטערן, פריינד און בעקאַנטע. מיר זענען ביים בעסטען געזונד און אויסגעצייכענטע הומאָרען. ל. וויינשטאָק, ג. היימאַן, י. לעוואָקאָוויטש, מ. קאָנרעצקי, מ. היימאַנובנא, ר. גוטגעלדובנא, ז. היימאַנובנא, ל. מאָנטאַג, ה. פּיליכאָווסקא, י. וויינבוים, ל. ווישליצקי, מ. וויינבוים, י. בירנבוימובנא, צ. פישמאַנובנא, א. אופּנער, ה. לעווקאָוויטש, מ. וויינבוים, א. בערקענשטאַט, יורעק".

אַפּעלאַציע - פּראָצעס פון יאָסל פּענדראַק.

ווי מיר ווערען געוואויר, האט שוין דאס קרייז געריכט צוגעשטעלט די מאָטיוון פונ'ם אורטייל אינ'ם פּראָצעס פון יאָסל פּענדראַק, וועלכער איז — ווי בעוואוסט — פער'משפּט געוואָרען אויף אייביגע תפיסה פאַר דערשיסען סטעפאַן באַראַנ'ען. די מאָטיוון פון אורטייל וועלען אין די נאָהנטסטע טעג איבערגעגעבען ווערען דעם פערטיידיגער פון דעם פער'משפּט'ן, וועלכער וועט אין משך פון 7 טעג בעלעגען אַנ'אַפּעלאַציע צום אַפּעלאַציע געריכט אין וואַרשא.

וויכטיג פאַר די, וואָס ערוואַרטען פּעקלעך מיט אַלטע מלבושים פון אויסלאַנד.

פון דער סטאַראָסטווע ווערען מיר געבעטען צו פערעפענטליכען פאָלגענדעס:

די אלע, וואס האבען דורך דער פערמיטלונג פון מאַגיסטראַט זיך געוואַנדען צו די קאָנסולאַטען מיט אָרימקייטס צייגנישען וועגען אָבנעמען אַלטע מלבושים פון קרובים אין אויסלאַנד דאַרפען אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך ווענדען אין דער סטאַראָסטווע, צימער נומער 139.

נדבות אין רעדאַקציע פאַר די טשענסטאָכאָווער געליטענע.

די ה"ה ישראל שמולעוויטש און משה פּיליפּאָוויטש האבען געזאַמעלט צווישען די שכנים פון הויז אַלעע 5 פאַר די געליטענע טשענסטאָכאָווער יודען 15.21 זלאָטעס אנשטאט בלומען אויפ'ן קבר פון נ"ע שמואל שיף.

צאָהן ארצט ג. צימערמאַן 5 זל.

גראַטולאַציע פאַר'ן פּולקאָווניק קאָץ

די היגע אָבטיילונג פון „אָזאָן", אין דער שפּיץ פון וועלכער עס שטעהט רעיענט קאָס, אלס פאָרזיצענדער און די ה"ה יעושי כאַלעוויצקי און טשעסלאוו נאָוויצקי אלס וויצע פאָרזיצענדע, האבען ארויסגעשיקט צום שעף פון „אָזאָן" פּולקאָווניק אַדאָם קאָץ א גראַטולאַציע צוליב זיין גליקליכען ניצול ווערען פון אַטענטאַט.

Państwu A. CHWATT wyrażamy szczere współczucie z powodu zgonu Ich Ojca i Teścia

Izydora Chwatta

Arnoldowie Sieradzcy
Praszka.

קאַנדידאַטען אויף לאַווניקעס.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואס מיט'ן טויט פון לאַווניק יאַזשעמבינסקי, איז דער דאָזיגער אַמט געבליבען פריי, ווערט אויסער'ן שוין אויסגערעכענטען קאַנדידאַט אויף לאַווניק — דעם בעקאַנטען עסקן און געוו. לעגיאָנער וואַצלאוו שווינצקי, וועלכער איז אויסגעצייכענט מיט'ן קרייץ „ווירטוטי מיליטאַרי", אויך דערמאָנט די קאַנדידאַטור פון פּרעזעס פון קריסטליכען האַנדווערקער-פערבאַנד און פּרעזעס פון דער טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג פון „אָזאָן", אייגענטימער פון דער שאָקאָלאַד-פאַבריק פּיאָטר דעמבסקי.

80.000 פּילגרימער אויף דער יאַסנאַ-גוראַ.

לויט די פערהאַנענע מאַטעריאַלען, האבען די יאַסנאַ-גוראַ היירינגעס יאָהר ביז איצט בעזוכט 80.000 פּילגרימער. איצט, נאָכ'ן שניט ווערט ערוואַרט נאָך א פיעל גרעסערע צאָהל.

פרייגעשפּראָכען פונ'ם חשד פאַר אונטערצינדען.

אין היגען קרייז געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון שמואל לישיצקי און 4 פויערים פון דער געגענד ארום קושעפּין.

לישיצקי איז אָנגעקלאָגט געוואָרען, אז ער האט צוגערעדט די פויערים אונטערצוצינדען זיינע ווירטשאַפטליכע בנינים און וואוין-הויז אינ'ם פאָלוואַרק מאַריאַנקאַ. די 4 פויערים זענען געווען אָנגעקלאָגט פאַר אונטערצינדען. די בנינים זענען געווען אַסעקורירט אויף 8.000 זל.

די געריכטס פערהאַנדלונג האט אָבער געבראַכט א סענסאַציאָנעלע ווענדונג אינ'ם פּראָצעס. ס'האט זיך נעמליך ארויסגעוויזען, אז א געוויסער זינדראָם האט א צייט שאַנטאַזשירט לישיצקי'ן, פאָדערענדיג פון איהם טויזענד זלאָטעס, אין געגענפאַל וועט ער מעלדען אין דער פּאָליציי, אז די שרפה איז ענטשטאַנען צוליב אַנ'אונטערצינדונג. דערזעלבער זינדראָם האט א דונקעלע פערגאַנגענהייט און זיצט אָב א תפיסה-שטראָף אין דער זאַוואָדזיער תפיסה.

דער פּראָקוראָר האט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פון דער אָנקלאָגע און דאס געריכט האט די אָנגעקלאָגטע פרייגעשפּראָכען.

אין דער אויספאָרשונגס - פּאָליציי

פון 8 פריה ביז 3 א זייגער נאָכמיטאָג איז פערהאַן אָבצונעמען א גרעסערע סומע געלד. די פערזאָן, וואס האט דאס געלד פערלוירען, קען עס אָבנעמען אין די דערמאַנטע שעה'ן.

די שטאָדטישע טעכנישע אָבטיילונג וואָרענט.

עס טרעפט זעהר אָפט, אז פּערזאָנען, וועלכע טרעטען צו צו בויען אייגענע הייזער, קויפען פּלעצער, וועלכע זענען פאָרלויפיג נישט פּאַסיג צום בויען. די דאָזיגע טעריטאָריעס טרעפען זעהר אָפט צוליב דעם, וואס אויף די געקויפטע פּלעצער ווערען פּראָיעקטירט אדורכצופיהרען נייע גאַסען. פיעל פון די פּלעצער-אייגענטימער זענען אין מאַנכע פאַלען אינפאָרמירט וועגען דעם, אָבער זיי דערמאַנען נישט וועגען דעם די קונים.

די שטאָדטישע טעכנישע אָבטיילונג וואָרענט דעריבער די דאָזיגע פּערזאָנען, וועלכע טרעטען צו צו קויפען פּלעצער, דאס זיי זאָלען אין זייער אייגענעם אינטערעס, איידער זיי שליסען די טראַנזאַקציע, זיך פערשטענדיגען מיט דער שטאָדטישער טעכנישער אָבטיילונג (בוי-אינספּעקציע).

ראובן פישמאַן ז"ל.

דעם פערגאַנגענעם מיטוואָך האבען די טשענסטאָכאָווער יודען בעגלייט צו זיין אייביגע רוה איינעם פון איהרע שרודי דור חישן, ר' ראובן פישמאַן ז"ל.

דער נפטר, וועלכער איז אַלט געווען 71 יאָהר, האט אין זיך געהאט אלע מעלות טובות, וואס אַנ'אמת'ער יוד דאַרף האבען.

נאָך אלס יונגערמאַן איז ער געוואָרען א חבר פון דער שוהל „אהל יעקב" וואו ער האט געדאַוונט אַנ'ערך 50 יאָהר, געווען לאַנגיעהריגער גבאי און קאָמיטעט מיטגליד, מיטגרינדער פון דער גמילת חסדים קאַסע ביי דער זעלבער שוהל, מתקן געווען א חברה, וואס זאָל דאָרט לערנען יעדען טאָג צווישען מנחה ומעריב און בכלל נישט אוועקגעלאָזט אַנ'ערב ובוקר די תפלות אין דער שוהל.

אין יאָהר 1898 נאָכ'ן ערשטען קאָנגרעס, ווען עס האט זיך אין אונזער שטאָדט געשאַפען אַנ'אגודת הציונים, איז ראובן פישמאַן ז"ל געווען איינער פון איהרע ערשטע מיטגלידער, גענומען א לעבהאַפטען אנטייל אין איהר טעטיגקייט און אזוי איז ער געבליבען א חובב ציון ביז'ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

בכלל האט דער פערשטאָרבענער געהאט אַנ'עכט יודיש וואָרים האַרץ, און די לעצטע טרויריגע לאַגע פון די יודען האט נישט ווייניג געווירקט אויף זיין געזונד צושטאַנד.

אין זיין לויה האט זיך בעטייליגט א גרויסער עולם מלוים, דערונטער די אָנגעזעהענסטע מענשען פון דער שטאָט. אויפ'ן בית הקברות האבען איהם מספּיד געווען: ר' ליזר יאַקובאָוויטש און ר' בנימין טשאַרני, וועלכע האבען אויסגעדריקט דעם צער צוליעב דער גרויסער אבידה, וואס דאס יודישע טשענסטאָכאָוו בכלל און די שוהל „אהל יעקב" בפרט האט געליטען דורך דער פטירה פון ראובן פישמאַן ז"ל.

תנצב"ה.

KINO „EDEN".

העררליכער ווינער פילם, געשטיצט אויף דער אינטערעסאַנטער געשיכטע פון דער בעריהמטסטער פידעל

STRADIVARI

dzieje niezwykłej miłości

אין די הויפּט-ראָלען:

גוסטאַוו פרעהליך און סיביל שמיץ

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאָבען.

Kino „LUNA"

ריהרענדע ליעבעס-ערצעהלונג, וואס טרעפט אין די הערצער פון די צושויער!

GŁOS SERCA

אין די הויפּט-ראָלען:

Janet Gaynor, Robert Taylor, Lewis Stone

איבער'ן פּראָגראַם: די גרעסטע טראַגיקערין עליזאַבעטה בערגנער אין שעקספּירס

Jak wam się podoba

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

היינט — דאס העררליכסטע קונסטווערק!

Władca Kalifornii

אילוסטרירט די שרעקליכע פאָלגען פון דראַנג נאָך רייכטום, וואס מאַכט רוהיגע אַרבייטער פאַר שונאים.

אין דער הויפּט-ראָל: לואיס טרענקער.

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאָבען.